פערלאג „די וועלט"

לנו.

די שׂכירות.

דריטע פֿערבעסערטע און פֿערברייטערטע איפלאגע.

ווילנא.
דרוקעריי וויטווע עט געברידער ר א ם.
/ 1906

Заработная плата.

Лону.

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Уголъ Духовскаго и Глухого пер. соб. домъ № ½.
1906.

אינהאלט־פערצייכניס:

א פאָרוואָרט צו דער 3־טער אויפלאַגע .... זייטע 4

א פאָרוואָרט צו דער 1־טער אויפלאַגע .... „ 6

I. ווי גרויס איז דעם ארבייטערס שכירות .... „ 10

II. די ווירקונג פון נאכפראגע אין אנבאט אויף דעם ארבייטערס שכירות. געלד־לוין און פּראָדוקטען־לוין „ 13

III ווי ווירקט דער קאַפּיטאַליזם אויף דעם ארבייטערס שכירות .... „ 26

IV. איינינע אורזאַכען, וועלכע פערקלענערען די שכירות:

א. שטיק־ארבייט .... „ 36

ב. דער ארבייטער נעהמט א חלק פון בעל־הבית'ס איינקינפטען .... „ 39

ג. די ארבייטער ארבייטען איבער די געוועהנליכע צייט נאך איבעריגע (איבערשטונדען) .... „ 41

ד. פרויען־און קינדער־ארבייט .... „ 44

V. אלערליי קונצען, וועלכע די קאַפּיטאַליסטען בענוצען כדי ארויסצורייסען ביים ארבייטער דעם לעצטען ביסען פון מויל.

א. די פאבריק־קראָמען .... „ 50

ב. צאָהלען מיט מיט קופּאָנעס .... „ 52

ג. די אויסצאָהלונג פון שכירות ניט אין דער צייט „ 53

ד. שטראָפען .... „ 54

VI. די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען און די שכירות ...... „ 65

א פאָרוואָרט.

צו דער 3-טער אויפלאַגע.

דער ביכעל וועגען „די שכירות" איז געשריבען געוואָרען אַם ענדע פון 1895 יאָהר. די בעוואוסטזיינקייט פון דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט איז דאַן געשטאַנען זעהר אויף אַ נידעריגע שטופע, דעם אידישען אַרבייטער האָט מען דאַמאַלסט געדאַרפט אויפקלערען ניט אַזוי פיעל, ווי ער זאָל פערבעסערען זיין לאַגע נור סתם, אַז עס איז שלעכט. ער איז אַזוי געוואוינט געוועזען צו זיין שווערען יאָך, ער איז אַזוי געוועזען איינגעגלויבט, אַז עס קען גאָר אַנדערש ניט זיין, אַז ער פלעגט גאָר וועגען איהם ניט טראַכטען. עס איז בכלל ניט געווען קיין צייט צו טראַכטען. מען פלעגט אַרבייטען ביז שפּעט אין דער נאַכט, און גאַנצע נעכט אויך. אמת אין 2-3 גרויסע שטעדט אין ליטע האָבען שוין די אידישע אַרבייטער געמאַכט די ערשטע טריט צו זייער בעפרייאונג, נור אין די איבעריגע שטעדט האָט מען אפילו וועגען דעם ניט געוואוסט און ניט געטראַכט. דאָס וואָרט „סאָציאַליזם" איז אין דער ערשטער אויפלאַגע קיין איין מאָל ניט דערמאָנט געווען, וואָרום די אַרבייטער מאַסע האָט פאַר דעם וואָרט געציטערט, ווי פאַר פייער. עס וואָלט געווען גענוג אַזאַ וואָרט, אַז דאָס ביכעל זאָל קיינער ניט לייענען. וועגען סאָציאַליסטען פלעגט מען דערצעהלען אין די ווערקשטאַטען און פאַבריקען באָבע מעשות און אין כלל האָט מען וועגען זיי און זייער לעהרע געהאַט אַזאַ בעגריף, אַז דאָס האָט קיין שום שייכות ניט צו די אַרבייטער. זיי קענען נור ברייגגען די אַרבייטער צום תליה, אָבער קיינע נוטצען קענען זיי דעם אַרבייטער ניט ברייגגען. „די שכירות" איז געווען איינער פון די ערשטע ביכלאַך, וועלכער האָט געדאַרפט אויפקלערען דעם אידישען אַרבייטער זיין שלעכטע לאַגע, איהרע אורזאַכען און דעם וועג, ווי אויסצובעסערען זיין לאַגע.

פון יענער צייט איז שוין אַריבער מעהר ווי 10 יאָהר. די

בעוואוסטזיניגקייט פון אידישען פראלעטאריאט איז אויף אזוי פיל אויסגעוואקסען, אז עס דוכט זיך דאס פון 1895 יאהר איז אוועק ניט 10, נור צעהנדלינגע יאהרען—אזוי גרויס איז דער אונטערשייד פון דעם איצטיגען צו דעם דאמאלטדיגען אידישען פראלעטאריאט! וועלכער אידישער ארבייטער האט דאס שוין איצט ניט געשטרייקט? וועלכער אידישער ארבייטער האט דאס ניט געקעמפפט אום אויסצובעסערע זיין לעבען? וועלכער אידישער ארבייטער ווייס דאס איצט ניט, וואס איז דאס אזעלכע די סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי פון דעם אידישען פראלעטאריאט: דער „בונד"? צו איז איצט ניט איבעריג ארויסצוגעבען א נייע אויפלאגע פון „די שכירות"? ווען זיין אינהאלט איז שוין אריין אין דעם אלגעמיינעם בעוואוסטזיין? מיר מיינען, אז עס איז ניט איבריג. דען ווי גרויס עס זיינען די פארשריטע, וועלכע די וויסענשאפט מאכט, דאך דרוקט מען אלע יאהר נייע אלף בית'ען און גראדע כדי די וויסענשאפט זאל קענען מאכען גרויסע פארשריטע דארף מען זעהן וואס מעהרער צו פערשפרייטען דעם אלף-בית. „די שכירות" דאס איז אן אלף-בית פון ארבייטער. ס'וואקסען אונטער אלץ נייע דורות ארבייטער, פאר וועלכע עס איז א נייס דאס וואס די עלטערע האבען שוין לאנג געוואוסט. די ארבייטער בעוועגונג פערשפרייט זיך אלץ ווייטער און ווייטער פון די גרויסע שטעדט אין די קליינע שטעטלאך פון ליטע און פוילען און דרום-רוסלאנד, זי כאפט ארום אלץ נייע שיכטען ארבייטער און פאר זיי איז ווייטער נוצליך דער אלף-בית: „די שכירות".

די ציפערן האבען מיר אין דער אויפלאגע געלאזען די אלטע, דען וויכטיג זענען ניט די ציפערן נור די פערהעלטניס צווישען זיי און אין דיזעם פרט וועלען די נייע ציפער קיינע שנוים ניט אריינטראגען.

מיר האבען נור געפונען פאר נויטיג גאר אויף דאס ניי אויפשרייבען דעם לעצטען קאפיטעל, דען זוען אין דער ערשטער אויפלאגע האבען מיר געקענט נור אויפווייזען, אז אחדות איז דער מיטעל אויסצובעסערן דעם ארבייטערס לעבען, האבען מיר אין דער פארליגענדער אויפלאגע געפונען פאר מעגליך אנצואווייזען, וועלכע ארגאניזאציאנס-פארמען די אחדות דארף אנגעהמען.

מאי 1906 יאהר,

אַ פָאַרְוָואָרְט.

צו דער 1-טער אויפלאגע.

אין לעבען פון יעדען מענשען קומען פאר אלערליי ציי־טען: בעסערע, ערגערע און גאר שלעכטע אויך. דער מענש זאגט, אז איהם איז גוט דאן, ווען ער קאן צופרידען שטעלען זיינע בעדערפניסען, און פערקעהרט שלעכט, ווען ער קאן זיי ניט צופרידען שטעלען. אין לעבען פון יעדען ארבייטער קומען אויך פאר אלערליי צייטען, אבער זיין „גוט" און זיין „שלעכט" זענען גאר אנדערע: „גוט" הייסט ביים ארבייטער דאן, ווען ער האט ארבייט, דאס הייסט, ווען ער האט רעכט צו דרייען די מאשין, צו זיטצען איינגעבויגען און בלענדען די אויגען ביין נאדעל, צו ברענען זיך אין די פייקלעס. צו קאן ער אבער דאן צופרידען שטעלען זיינע בעדערפניסען? ניין! דאס גאנצע לעבען פון ארבייטער בעשטעהט נור פון שווערע הארעוואניע, פאר וועלכע ער בעקומט א הונגער-לוין. דער לוין גיט איהם ניט די מעגליכקייט צו האבען גענוג ברויט, צו האבען א דירה, ווי א מענש דארף האבען; גיט איהם ניט די מעגליכקייט צו האבען גוטע עסען, גוטע קליידונג, און ווער רעדט שוין וועגען העכערע בעדערפניסען, ווי די מעגליכקייט זיך צו לערנען, זיך צו בילדען? צו דעם איז גאנץ ווייט. דער ארבייטער קאן כמעט ניט געניסען דעם פערגניגען פון פאמיליען-לעבען—ווייל זיין ווייב און קינד זענען דארטען אויך ערגעץ וואו ביי דער שווערער ארבייט; ער קאן ניט געניסען די ליעבע פון זיינע פריינד, ווייל ער האט ניט ווען און ווי מיט זיי זיך צו זעהען. און דאס איז שוין די „גוטע" צייט ביים ארבייטער··· מיר פרעגען: וואס־זשע איז שוין די שלעכטע?

די שלעכטע צייטען זענען די, ווען דער ארבייטער איז אן איבעריגער מענש אויף דער וועלט, ווען זיינע צעהן פינ־גער זיינען ניט נויטיג. וואס האט ער דאן? דאן האט ער הונגער

און נויט, דהקות און קעלט; דאן מוז ער צוזעהען די ליידען פון זיין ווייב און קינד, וועלכע ער קאן מיט קיין זאך ניט העלפען, ער מוז צוהערען די זידלעריַיען פון זיינע בעל־חובות, וועלכע לאזען איהם א גאס ניט דורכגעהן. דאן קאן ער זיך מיט קיין זאך ניט העלפען, דאן מוז ער ליידען און שווייגען; ער מוז ווארטען ביז עס וועט קומען די גליקליכע צייט, ווען זיין כח וועט ווידער ווערען א נויטיגע סחורה, ווען ער וועט ווידער קאנען שלעפען די משא, דעם יאך פון ארבייט; ער מוז ווארטען, ביז עס וועט קומען זיין גוטע, זיין בעסטע צייט פון לעבען. און פון דור צו דור, פון פאטער צו קינדער גיט זיך איבער בירושה די שווערע לאסט, וועלכע דער ארבייטער שלעפט — ניט וויסענדיג, פאר וואס ער שלעפט דאס! ער שלעפט דעם יאך אויפ'ן רוקען אזוי לאנג, ביז וואנען עס שיינט איהם אריין א ליכטיגער שטראהל, וועלכער בעלייכטעט איהם זיין פינסטערן וועג. דער שטראהל פאלט ניט פון דער תורה, פערקעהרט, דער ארבייטער הערט פון קינדוויַיז אויף, אז אין דער תורה שטעהט, דאס דער מענש מוז מיט דעם שוויַיס פון זיין פנים פערדינען זיין ברויט, און דעריבער מוז יעדער מענש הארעווען, און אנדערש קאן גאר ניט זיין. פון קינדוויַיז אויף הערט דער ארבייטער, אז די רעליגיע, הייסט דעם מענשען זיך בענוגענען מיט אלץ וואס ער האט, און ער דארף אננעהמען אלץ פאר גוט, אז ער טאהר ניט קלערען וועגען אזעלכע זאכען, וועלכע זענען צו הויך פאר איהם, ער טאר קיין קשיות ניט פרעגען; ער טאר ניט פרעגען, פאר וואס בעהאנדעלט מען איהם אזוי שלעכט? פאר וואס זאל ער אזויפיעל הארעווען און קיין זאך ניט האבען?... די רעליגיע זאגט: אט אזוי דארף טהאן דער מענש, און פאר וואס און פאר ווען טאר מען ניט וויסען: „די וועגען פון גאט זיינען אונבעוואוסט", און דעריבער פאלט גאר קיינעם ניט איין צו פרעגען: „אמת טאקי, נור מיט די שוויַיס פון פנים מוז מען פערדינען דאס שטיקעל ברויט; אבער פאר וואס היטען דאס נור איין טהייל מענשען און ניט די איבעריגע?"

א תירוץ אויף די אלע קשיות דארפען מיר ניט זוכען אין רעליגיע, נור אין וויסענשאפט, אין ערלערנונג, אין ערפארשונג פון די אלע געזעטצען וואס געוועלטיגען אין דער נאטור און אין דער מענשליכער געזעלשאפט. אט די ערפארשונג בעווייזט אונז,

אַז קיינע פערבאָרגענע וועגען איז ניטאָ, אַז יעדע זאַך האָט איהר אורזאַך, אַז סאַי גוטס, סאַי שלעכטס האָבען אַ וואָרצעל, פון וועלכען זיי שטאַמען אַרויס; און דריבער, אום זיך צו העלפען פון וואָס עס איז פאַר אַ שלעכטס, דאַרף מען וויסען, פון וואַנען ער קומט אַרויס, וואָס בריינגט איהם אויף דער וועלט? מען דאַרף זעהען, וואָס איז געוועזען פריהער, וואָס האָט איהם אַרויסגערופען און פאַר וואָס האַלט ער זיך? מען דאַרף זעהען צו איז דאָס אַ'מאָל געוועזען אַזוי, און אויב ניט, טאָ פאַר וואָס? די וויסענשאַפט ענטפערט אונז אויף דאָס אַלץ. פון דער וויסענשאַפט פערשטעהען מיר, אַז אויב די תורה הייסט אונז פערדינען דאָס שטיקעל ברויט מיט שווייס, הייסט דאָס נאָך ניט אַז מען דאַרף בעשאַפען דעם אַנדערען רחבות און אַליין קיין ברויט ניט האָבען; מען דאַרף אַרבייטען ביז די לעצטע מיסל כח און געניסען פון די אַרבייט גאַנץ וועניג. אַזעלכע דינים האָבען נור אויסגעטראַכט יענע, וועלכע ווילען, אַז די אַרבייטער זאָלען ניט זעהען, וואָס זיי האַלטען אין דער וועלט, יענע, וועלכע פערברייגגען זייער לעבען אָהן דאגה, אָהן פראַצע און פערגניגען און לוקסוס; יענע, מיט איין וואָרט, וועלכע געוועלטיגען איבערן אַרבייטער, נעהמען צו ביי איהם זיין לעבען אויף ד ע ר וועלט און טרייסטען איהם מיט י ע נ ע ר וועלט, די אַלע שונאים פון אַרבייטער קלאַס, וועלכע געהערען צו אַנדערע קלאַסען. די וויסענשאַפט דאָס איז די שיין, וואָס בעלייכטעט מיט איהרע שטראַהלען דען פינסטערן וועג פון דעם אַרבייטערס לעבען. די וויסענשאַפט האָט אונז בעוויזען, וואָס פאַר אַן אומגליק עס איז פאַר אונז די אַרבייט אָהן אַ שיעור, זי האָט אונז בעוויזען פאַר וואָס איז אַזאַ שטאַרב-ליכקייט צווישען אונז, פאַר וואָס זענען צווישען אונז אַזוי פיעל קראַנקע, שוואַכע, פאַר וואָס ענטוויקלען זיך ניט ביי אונז אונזערע מענשליכע געפיהלען, פאַר וואָס זענען צווישען אונז דאָ מעהרער פערברעכער א. ז. וו. און פונקט ווי מיר זענען פריהער געוועזען איבערצייגט, אַז אַזוי מוז דאָס זיין, אַז אַנדערש קאָן דאָס ניט זיין, ווייל די רעליגיע אַליין האָט געשטעלט אַזאַ געזעץ אַזוי האָט אונז איצט די וויסענשאַפט איבערצייגט אַז אַזוי מוז ניט זיין, אַז עס ד אַ ר ף און עס ק אָ ן אַ נ ד ע ר ש זיין. די וויסענשאַפט בעווייזט אונז אַלע אורזאַכען פון דעם, וואָס עס קומט פאַר ארום אונז, די וויסענשאַפט וועט אונז אויך בעווייזען, פאַר וואָס געפינט

זיך דער ארבייטער אין אזא לאגע, או היינט האט ער דאס רעכט צו לעבען אויף דער וועלט און מארגען איז ער שוין אנאיבערי־גער; פאר וואס זיינע שכירות איז קיין מאל ניט סטעהרער פון דעם, וואס ער דארף האבען אויף זיינע נויטיגע בעדערפניסען, און פאר וואס אין פערשיעדענע שטעדט, אין פערשיעדענע לענדער, אין פערשיעדענע צייטען איז זיינע שכירות אויך פערשיעדען. לאמיר דאס זעהען.

1895 יאהר.

די שבירות.

I. ווי גרויס איז דעם ארבייטערס שבירות?

מיר האָבּען געזאָגט, אז דעם ארבּייטערס לעבען בּעשטעהט פון האַרמאָניע. דער ארבייטער אָבּער האַרעוועט ניט צוליעב דאָס ער זאָל אויסארבּייטען פאר זיך א געוויסען פּראָדוקט; דער שוס־טער, צום בּייששפּיעל, מאַכט די שיך ניט צוליעב דעם, ווייל ער אליין דאַרף שיך — ניין! ער קען מאַכען זיין גאַנצען לעבען שיך און אליין גאָר געהן בּאָרפוס. די שיך מאַכט ער נאָר צוליעב דעם, ווייל ער דאַרף האָבּען פון וואַנען צו לעבען, ווייל ער דאַרף האָבּען בּרויט, ער דאַרף האָבּען א דירה, א קליידער א. ד. ג. און האָבּען דאָס אלץ קען ער נור דאַן, ווען ער פערקויפט זיין כח בּיים מייסטער צו מאַכען שיך, — דה אלזא אז ד ע ר צ י ע ל פ ו ן ד ע ם א ר ב י י ט ע ר ס ה א ר ע וו א נ י ע ז ע נ ע ן ד י ל ע ב ע נ ס מ י ט ל ע ן.

יעדער אָבּער פון אונז ווייס גאַנץ גוט, אז ניט אַלע מענשען לעבען גלייך. אומעטום, אין יעדער שטאָדט, קען מען זעהען, אז איינע לעבען אין רייכע אויסגעפּוצטע זאַלען, די צווייטע אין פינסטערע קעלערן; איינע עסען די טהייערע שפּייז, די צווייטע טרוקען־בּרויט; איינע האָבּען די בּעסטע קליידער, די צווייטע קוים צו בּעדעקען זייער נאַקעטן לייב. דעריבּער, אלזא, דערמיט וואָס מיר זאָגען, אז דער ארבּייטער בּעקומט פאַר זיין ארבּייט לעבּענס־מיטלען, בּעשטימען מיר נאָך ניט די גרויס, דעם אַרט פון זיין לעבען, מיר בּעשטימען נאָך ניט די מיטלען, וואָס דער ארבּייטער האָט צום לעבען. אין אמת'ן, אָבּער, פערשפּאָרען מיר גאָר דאָס צו בּעשטימען. ווער פון אונז ווייס דאָס ניט, אז דער ארבּייטער וואוינט ניט אין זאַלען, עסט ניט קיין געבּראָטענע קאַצקעס, טרינקט ניט קיין ווייַנען? ... מיר רעדען שוין ניט וועגען די שלעכטע צייטען: דאַן איז דאָך א שטיקעל בּרויט אויך ניטא.

אפילו אין די גוטע צייטען, ווען דער ארבייטער קריגט שוין וואו צו הארעווען, קריגט ער דאך אויך מעהר ניט אזא לוין, וואס קלעקט איהם קוים אויף ברויט, דירה א. ד. גל.

נור פאר וואס איז דער לוין פון די ארבייטער ניט אין אלע שטעדט גלייך; פאר וואס דער זעלביגער ארבייטער, וואס בעקומט אין מיכאלישאק 2 רובל א וואך, בעקומט אין ווילנא 4, אין פעטערבורג 8 רובל? אז מיר זאלען זיך ציקוקען צו זייער לעבען, זעהען מיר, אז דער מיכאלישקער ארבייטער לעבט כמעט ניט ערגער, ווי דער ווילנער, און זיי ביידע ווי דער פעטערבורגער, פאר וואס? וויל סאי איינער, סאי דער אנדערער, סאי דער דריטער, אלע פערברויכען זיי זייער לוין אויף דירה, ברויט, קליידונג א. ז. וו. און דעריבער דארטען, וואו דירה, ברויט, קליידונג קאסט וועלוועלער, בעקומען זיי פאר זייערע קליינע שכירות אזוי פיעל, וויפיעל די אנדערע פאר די גרויסע, ניט איינער לעבט בעסער, ניט דער אנדערער ערגער: אלע בעקומען מעהר ניט ווי דאס נויטיגסטע, וואס זיי דארפען האבען, אדער אנדערס גערעדט: דער לוין פון ארבייטער איז איבערהויפט ניט גרעסער און ניט קלענער פון די נויטיגסטע בעדערפניסען, אהן וועלכע א מענש קען ניט אויסקומען. די ארבייטער נעהמען אזוי פיעל, וויפיעל זיי דארפען האבען אום דורך צו לעבען. דער פעטערבורגער ארבייטער דארף האבען אויף דורך צו לעבען 8 רובל א וואך, דער ווילנער — 4 רובל, דער מיכאלישקער — 2 רובל און דעריבער נעהמען זיי אזוי פיעל שכירות.

איצט לאמיר ערקלערען פאר וואס איז דאס אזוי? פאר וואס נעהמען די ארבייטער מעהר ניט נור אזוי פיעל, וויפיעל זיי דארפען האבען צום לעבען? ווען דער ארבייטער קומט זיך פערדינגען, וויל ער דאך געוויס מיט'ן גאנצען הארצען נעהמען וואס מעהרער, אזוי ווי די בעלי־בתים ווילען געבען וואס ווייניגער, איז דאך א קשיה, פאר וואס נעהמען די ארבייטער אין פעטערבורג דורכשניטליך 8 ר. א וואך און ניט למשל 10 ר., ווי זיי ווילען, און ניט 4 ר. ווי די בעלי־בתים וואלטען דאס געוואלט? לאמיר זיך פארשטעלען, אז אנ'ארבייטער אין פעטערבורג בעט ביי זיין בעל הבית 10 ר. א וואך. דער בעל הבית, געוועהני־

ליך, וועט זיך אזוי גיך ניט כאפּען געבען; ער וועט פריהער הערען וואס אנדערע ארבייטער זאגען. דער בעל־הבית שטעלט אהיים א צעטעל, אז ער דארף אנ׳ארבייטער. נור אזוי ווי אין יעדער צייט במעט זענען דא ארבייטער, וואס געהען ארום לעדיג, קומען צו איהם ניט איין ארבייטער. נור גאנצע דריי אויף אמאל.

— וויפיעל ווילסט דו א וואך? פרעגט דער בעל־הבית ביי איינעם.

— איך וואלט וועלען 10 רובל!

— 10 ר. א וואך — זאגט דער בעל־הבית, איז פאר מיר צו טייער. און וויפיעל ווילסטו? פרעגט ער א צווייטען.

— איך וואלט אויך געוועלט 10 ר. נור וואס קען מען מאכען? איך זעה דאך, אז עס זענען דא א סך לעדיגע ארבייטער: ווען איך וועל ניט לאזען פאר 9, וועט לאזען אנ׳אנדערער; גיט מיר אלזא 9 רובל א וואך.

— און דו? פרעגט דער בעל־הבית דעם דריטען ארבייטער.

— וואס וועל איך דא מאכען קונצען? איך לאז פאר 8 ר.

— געה זעץ זיך ארבייטען! זאגט דער בעל־הבית צום דרייטען. און איהר — ווענדט ער זיך צו די ערשטע צוויי — געהט זיך אייך געזונטערהייט! זוכט אייך אנ׳ארט, וואו מען וועט אייך געבען 10 רובל א וואך.

זיי איז אפילו זעהר זויער געווארען אויפ׳ן הארצען: ארומגעהן לעדיג און ליידען הונגער ווילט זיך קיינעם ניט, נאר וואס קען מען טהאן? זיי ווייסען אפילו גאנץ גוט, אז דער בעל־הבית האט גענומען דעם דריטען ארבייטער ניט דערפאר, ווייל ער האט איהם זעהר ליעב, נאר דערפאר, ווייל ער האט געלאזען וועלוועלער פון אלעמען, און אויב זיי וואלטען ארונטערגעווארפען די שכירות נאך מעהרער למשל ביז 7—6 רובל א וואך, וואלט ער געוויס זיי צוגענומען, נאר ארבייטען פאר 7—6 א וואך—ווייסען זיי— האט גאר קיין זינען ניט, ווייל מיט 8 רובל די וואך לעבט מען אויך קוים־קוים דורך אין פעטערבורג, און ווער רעדט שוין מיט 6 רובל? עס וועט אפילו אויף טרוקען ברויט אויך ניט קלעקען. אלזא זעהען מיר, אז בכלל נעהמען די ארבייטער אזוי פיעל, וויפיעל זיי דארפען האבען, אויף קוים דורכצולעבען.

מעהרער נעהמען לאוט ניט די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער, ווענינער נעהמען קאנען זיי ניט, ווייל מיט ווענינער קאנען זיי ניט דורכלעבען. פיעל ארבייטער אין אויסלאנד און אין רוסלאנד פערשרייבען בײַ זיך יעדען גראשען פון זייער הכנסה און הוצאה. פון אזעלכע חשבונות זעהט מען ארויס, אז די הכנסה שטימט דאס רוב מיט דער הוצאה און אמאל איז זי עטוואס העכער און אמאל עטוואס ניעדעריגער. פאר וואס איז די הכנסה אמאל העכער ווי די הוצאה און אמאל ניעדעריגער, וועלען מיר ערקלערען אין צווייטען קאפיטעל.

II.

די ווירקונג פון נאכפראגע און אנבאט אויף דעם ארבייטערס שכירות. געלד־לוין און פראדוקטען־לוין (נאמינאלער און רעאלער ארבייטס־לוין).

מיר האבען געזאגט. אז אין ארבייטערס לעבען קומען פאר אלערליי צייטען: גוטע, שלעכטע, בעסערע, ערגערע און גאר שלעכטע אויך. די גוטע צייט בײַ דעם ארבייטער איז דאן, ווען עס איז פאראן א סך ארבייט: עס פאדערט זיך דאן א סך ארבייטער (אדער ווי די געלערנטע דריקען דאס אויס: „די נאכפראגע אויף ארבייטער פערגרעסערט זיך“), עס פערקלענערט זיך די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער און דעריבער העכערן זיך די שכירות; די שלעכטע צייט איז דאן, ווען עס איז פאראן ווענינער ארבייט: עס פאדערט זיך ווענינער ארבייטער (די געלערנטע דריקען דאס אויס: „די נאכפראגע אויף ארבייטער פערקלענערט זיך“), די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער פערגרעסערט זיך, איינער זעהט ארויסצורייסען בײַם אנדערן דאס שטיקעל ברויט און דעריבער פאלען די שכירות. אין די מלאכות, מיט וועלכע עס בעשעפטיגען זיך איבערהויפט אונזערע אידישע האנדווערקער, וועלכע קענען זיך ניט פערגרעסערן אדער פערקלענערן אין צאהל אין פערלויף פון גאר א קורצען משך, ווענדט זיך די גוטע און שלעכטע צייט מעהר ניט פון דעם, וואס די נאכפראגע אויף ארבייטער ווערט גרעסער אדער

קלענער; די צאהל ארבייטער בלייבט אין די ביידע פאלען די זעלביגע. עס איז אבער לייכט צו פערשטעהן, אז עס וועט זיין די זעלבע זאך, אויב די נאכפראגע אויף ארבייטער וועט בלייבען די זעלביגע, נור די צאהל ארבייטער וואס זוכען ארבייט, וועט ווערען גרעסער אדער קלענער. אויב די צאהל ארבייטער, וואס זוכען ארבייט, וועט זיך פערגרעסערן (אדער ווי די געלערנטע דריקען דאס אויס: „אז דער אנבאט פון ארבייטער וועט זיך פערגרעסערן"), וועט די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער ווערען גרעסער, וועלען די שכירות פאלען; פערקעהרט, אז די צאהל ארבייטער, וואס זוכען ארבייט, וועט זיך פערקלענערן („אז דער אנבאט פון ארבייטער וועט זיך פערקלענערן"), וועט די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער ווערען קלענער און די שכירות וועט זיך פערגרעסערן. אז מיר ווילען זיך אויסדריקען קירצער, זאגען מיר אזוי: „ווען די נאכפראגע אויף ארבייטער פערגרעסערט זיך, אדער דער אנבאט פערקלענערט זיך, העכערט זיך די שכירות; ווען די נאכפראגע אויף ארבייטער פערקלענערט זיך אדער דער אנבאט פערגרעסערט זיך, פאלען די שכירות. דאס איז א כלל אומעטום אין דער גאנצער וועלט. וואו עס זענען נור דא קאפיטאליסטען מיט ארבייטער, העכערט זיך און פאלט די שכירות צוליעב די ביידע אורזאכען.

אט זענען פאקטען. דער 1885 יאר איז געווען אין רוסלאנד ניט קיין געראטענער; די פויערים האבען גאנץ ווייניג אבגעשניטען תבואה און זענען דעריבער פעראָרעמט געווארען. עס פערשטעהט זיך, אז זיי האבען דאס יאהר ווייניגער געקויפט קארט, קארטון א. ד. גל. די פאבריקען האבען דעריבער ווייניגער געוועבט און עס האט זיך דעריבער געפאדערט ווייניגער ארבייטער אויף די פאבריקען. אויסערדעם, כדי ניט צו שטארבען פון הונגער, זענען די פויערים אויך געקומען אין די שטעדט זוכען ארבייט אויף די פאבריקען, עס איז דעריבער געווארען מעהרער ארבייטער (די נאכפראגע אויף ארבייטער האט זיך פערקלענערט, דער אנבאט פערגרעסערט) און צוליעב דעם האט זיך די שכירות גלייך פערקלענערט. אנשטאט 25-18 רובל האבען די וועבער אין מאסקווער גובערניע אנגעהויבען צו פערדינען 12-6 רובל א חודש, אין 2-3 מאל ווייניגער

ווי פריהער. דער 1887 יאהר איז געוועזען א גערעטענער יאהר: פויערים האבען געהאט מעהרער געלד, מען האט געקויפט מעהרער סחורה, די פאבריקען האבען מעהרער געארבייט און עס האט זיך געפאדערט מעהרער ארבייטער; די פויערים וועלכע זענען שוין נישט געלאפען אויפ'ן פאבריק (די נאכפראגע אויף ארבייטער האט זיך פערגרעסערט, דער אנבאט פערקלענערט) דעריבער האט זיך די שכירות ווידער געהעכערט ביז 20-25 רובל א חודש, ווי זי האט געהאלטען פאר דעם 1885 יאהר. די טאג-ארבייטער האבען אנגעהויבען צו נעהמען אנשטאט 30-40 — 50-90 קאפ. א טאג.

ווי מיר זעהען דא זענען פאראן אזעלכע רוסישע ארבייטער, וואס ווארפען אוועק די פאבריק, בעת עס איז דא פון וואנען צו לעבען אין דארף, און קומען צוריק, אויב דארט איז ניטא פון וואנען צו לעבען. דאס קומט פאר ניט נאר אין הונגער-יאהרען, נאר אפילו אין די געוועהנליכע צייטען. ווי עס קומט זומער, ווארפען אוועק מאסען רוסישע ארבייטער די פאבריקען און געהען אוועק אין די דערפער בעארבייטען די אייגענע פעלדער, אדער זיך פערדינגען אויף פרעמדע פעלדער, און אז עס קומט ווינטער, ווארפט מען ווידער אוועק די דערפער און מען קומט אן צוריק אויף די פאבריקען*). עס פערשטעהט זיך, אז זומער דארפען זיך אין אזוינע פאבריקען העכערן די שכירות, ווייל דער אנבאט פון ארבייטער פערקלענערט זיך, און ווינטער דארפען די שכירות פאלען, ווייל דער אנבאט פון ארבייטער פערגרעסערט זיך. אזוי איז דאס טאקי. אין מאסקווער גובערניע איז פאראן א פאבריק פון פארצעליי און פאיאנס, וואס געהערט צו איינעם דוגאשאוו. דארטען נעהמען די ארבייטער זומער צו 11 רובל 25 קאפ. א חודש און ווינטער מעהר ניט ווי צו 8 רובל 75 קאפ. אין ענגלאנד האט מען אין די צוואנציגסטע יאהרען פון 19-טען יאהר-הונדערט אנגעהויבען אריינצופיהרען דאמפף-מאשינען אין די וועבערייען אנשטאט האנדשטוהלען. וואס מיט א יאהר ווייטער איז אלץ מעהרער האנדשטוהלען פערביטען געווארען דורך דאמפף-שטוהלען, און דעריבער איז די נאכפראגע אויף האנדוועבער פון

---

* דאס קומט פאר אין די קליינע פאבריקען און דערהויפט מיט ניט קיין געלערנטע, ספעציעלע ארבייטער.

יאהר צו יאהר געווארען אלץ קלענער, די שכירות זענען צוליעב דעם אלץ מעהרער געפאלען.

אט איז א חשבון, וויפיעל עס האט פערדינט אין א משך פון 13 יאהר א געזינד האנד־וועבער, אין א ענגלישע שטעדטעל באַ־ראפארד. זי איז בעשטאנען פון 6 מאן, פון וועלכע 3 פלעגען ארבייטען.

אין יאהר 1820 האט די געזינד פערדינט 606 רובל 67 קאפ.

יאהר		רובל		קאפ.
1821	„	736	„	12
1822	„	594	„	75
1823	„	541	„	75
1824	„	497	„	25
1825	„	497	„	25
1826	„	307	„	12
1827	„	380	„	24
1828	„	380	„	24
1829	„	273	„	24
1830	„	351	„	24
1831	„	385	„	12
1832	„	307	„	12
1833	„	312	„	12

ווי מיר זעהען איז אין פערלויף פון 13 יאהר די שכירות פון דער הויזגעזינד קלענער געווארען אין 2 מאל. מיר האבען דא געבראכט פאקטען פון 2 פערשידענע לענדער און נאציאנען, פאקטען, וועלכע האבען זיך פאסירט ביי פערשידענע אומשטענדען און פון וועלכע מיר האבען פון דעסטוועגען ארויסגעזעהן דעם זעלבינען כלל, ווי נור די נאכפראגע אויף ארבייטער פערגרעסערט זיך אדער דער אנבאט פערקלענערט זיך, אזוי העכערט זיך די שכירות, און פערקעהרט, ווי נור די נאכפראגע אויף ארבייטער פערקלענערט זיך, אדער דער אנבאט פערגרעסערט זיך, אזוי פאלט די שכירות.

איצטער לאמיר א ביסעל ניפער בעטראכטען אונזער ענין. מיר האבען אויפגעוויזען די אורזאכע, פאר וואס נעהמט דער ארבייטער מעהר אדער וועניגער געלד פאר זיין ארבייט; נאר מיט

דעם האבען מיר נאך ניט אין גאנצען בעוויזען די ווירקונג פון די נאכפראגע און אנבאט אויף דעם ארבייטערס שכירות. ווי מיר וויסען, מאכט דער ארבייטער קיין שום תכלית ניט מיט זיין געלד, וואס ער בעקומט; ער קויפט גלייך פאר זיי ברויט, פליישערינג און נאך אזעלכע זאכען, וואס זענען איהם נייטהיג צום לעבען. על כן זעהען מיר, אז פאר'ן ארבייטער איז ניט אזוי וויכטיג דאס געלד, ווי די פראדוקטען, וועלכע ער קריגט פאר זיי. דעריבער, אויב מיר ווילען בעווייזען, אז דעם ארבייטערס שכירות ווענדט זיך אן דעם אנבאט און נאכפראגע, דארפען מיר בעווייזען ניט ענטקעגען געלד, נור ענטקעגען פראדוקטען; מיר דארפען בעווייזען, אז צוליעב דעם, וואס עס פערגרעסערט זיך אדער פערקלענערט זיך דער אנבאט אויף ארבייטער, בעקומען די ארבייטער מעהר אדער וועניגער פראדוקטען פאר זייערע שכירות. איהר קאנט זיך געווים וואונדערן, צוליעב וואס דארפען מיר דאס בעווייזען? מיר האבען דאך שוין איינמאל געזעהען, אז בשעת די נאכפראגע אויף ארבייטער איז גרעסער, בעקומען זיי מעהרער שכירות, בשעת עס איז קלענער בעקומען זיי וועניגער און פאר מעהרער געלד בעקומט מען מעהרער פראדוקטען און פארקעהרט. נמצא קומט שוין ממילא אויס אז וואס גרעסער עס איז די נאכפראגע אויף ארבייטער, בעקומען זיי אלץ מעהרער פראדוקטען פאר זייערע שכירות.

איהר דארפט אבער פערשטעהן, אז ניט אלע מאל איז דער כלל ריכטיג, אז וואס מעהרער געלד מען קריגט, אלץ מעהרער פראדוקטען קריגט מען. דאס איז אלץ אמת אין איין שטאדט און אין איין צייט. ווען איהר זעהט, למשל, אז חיים קריגט היינטיגען יאהר 4 רובל א וואך, און ברוך 8 רובל, פערשטעהט איהר, אז ברוך קריגט 2 מאל אזוי פיעל פראדוקטען ווי חיים, אבער אויב דער ברוך געפינט זיך גאר אין ווארשע, למשל, און חיים אין ווילנע קענט איהר גאר ניט וויסען צו ער קריגט מעהרער פראדוקטען פאר זיינע 8 רובל, אין ווארשע קאסט א סך זאכען טייערער איידער אין ווילנע, דירה, וועש, בעהייצונג א. ז. וו. — דעריבער קאן זיין, אז דער ווארשאווער ברוך פאר זיינע 8 רובל קריגט ניט מעהרער פראדוקטען, ווי דער ווילנער חיים פאר זיינע 4 רובל. דעריבער, אז מען רעדט וועגען ארבייטער פון פערשיעדנ

שטערט, לענדער און פון פערשיעדענע צייטען, קאן מען נאך די שכירות נאך ניט וויסען, וועלכע פון זיי בעקומען מעהרער אדער ווענינער פראדוקטען. די געלערענטע הפען די שכירות איינגעדריקט אין געלד נאמינאלער ארבייטס-לוין און די שכירות איינגעדריקט אין פראדוקטען רעאלער ארבייטס-לוין. דהיינו, אז איך זאג, אז ראובן נעהמט 25 קאפ. א טאג שכירות דריק איך מיט דעם אויס זיין נאמינאלען ארבייטס-לוין: אז איך זאג אבער, אז חה, למשל, בעקומט אזוי פיעל און אזוי פיעל ברויט, אזוי פיעל און אזוי פיעל בולקעס א. ד. גל. דריק איך אויס איהר רעאלען ארבייטס-לוין.

מיר דארפען אלזא ערקלערען, ווי ווירקט די נאכפראגע אין אנבאט אויף די רעאלע שכירות פון ארבייטער.

לאמיר זיך אומקעהרען צו די פאקטען, וועלכע מיר האבען דא געבראכט. אונזערע אידישע ארבייטער נעהמען אין דעם זעלביגען יאהר אין איין צייט גרעסערע שכירות (נאמינאלע) דאן, ווען די נאכפראגע אויף זייער ארבייט פערגרעסערט זיך, און קלענערע — אז די נאכפראגע אויף זייערע ארבייט פערקלענערט זיך. עס איז לייכט צו פערשטעהן, אז דער רעאלער לוין פערגרעסערט זיך צוזאמען מיט דעם נאמינאלען, ווייל די פרייזען אויף פערשידענע פראדוקטען זענען אין פערשידענע צייטען פון איין יאהר כמעט די זעלביגע. ביי וונאשאוו'ן אויפ'ן פארצעליי פאבריק דהיינו האבען מיר געזעהן זענען זומער די שכירות גרעסער, ווי ווינטער, ווייל דער אנבאט פון ארבייטער איז זומער א קלענערער ווי ווינטער. און אזוי ווי עס איז ניטא קיין אורזאכע, צוליעב וועלכע די פראדוקטען זאלען קאסטען זומער טייערער ווי ווינטער מוזען מיר זאגען, אז זומער בעקומען זיי פראדוקטען (רעאלער ארבייטס-לוין) אויך מעהרער ווי ווינטער. דא זעהען מיר ווידער ארויס אז דער אנבאט פון ארבייטער ווירקט אויפ'ן רעאלען ארבייטס-לוין אלץ איינס ווי אויפ'ן נאמינאלען. מיר האבען ווידער געבראכט נאך א פאקט, אז אין דעם געראטענעם 1887 יאהר, ווען די נאכפראגע אויף ארבייטער איז געווען גרעסער און דער אנבאט קלענער, איז דער נאמינאלער ארבייטס-לוין געווען ביי די וועבער און ביי די טאג-ארבייטער אין מאסקווער גובערניע העכער ווי אין דעם הונגער-יאהר 1885, ווען די נאכפראגע אויף ארבייטער איז געווען קליין

און דער אנבאט גרויס. דאדטען קאנען מיר שוין אוודאי ניט זאגען, אז אין 1887 יאהר זענען די פראדוקטען געוועזען טייערער, דען עס איז דאך בעוואוסט, אז אין א געראטענעם יאהר זענען כמעט אלע פראדוקטען וועלוועלער ווי אין א הונגער־יאהר. אלזא האט זיך דער רעאלער ארבייטס־לוין אין געראטענעם יאהר נאך מעהר געהעכערט, ווי דער נאמינאלער. דא זעהען מיר ווידער ארויס, אז די נאכפראגע און דער אנבאט האט אויף דעם רעאלען ארבייטס־לוין די זעלביגע ווירקונג, ווי אויף דעם נאמינאלען. וויטער האבען מיר געבראכט א פאקט פון די ענגלישע וועבער, אז ביי זיי האט זיך די נאמינאלע שכירות איז א משך פון 13 יאהר אלץ פערקלענערט, ווייל עס האט זיך פערקלענערט די נאכפראגע אויף זייערע ארבייט. אין דער צייט איז ווייץ אפילו געווארען וועלוועלער, נור פלייש און דירה זענען געווארען טייערער, אלזא זענען די פראדוקטען אין דער צייט געווארען ניכער א סך טייערער איידער וועלוועלער, און אויף אזא אופן איז די רעאלע שכירות אויך געווארען א סך קלענער.

די אלע פאקטען, וואס מיר האבען דא געבראכט, וויזען אונז אלזא, אז דער אנבאט און נאכפראגע ווירקען אלץ איינס אויף דעם נאמינאלען און אויף דעם רעאלען ארבייטס־לוין. נור מיר קענען דאס אלץ מיט'ן שכל אויך פערשטעהן. אין אמת'ן לאמיר זעהען, פאר וואס נעהמט דער ארבייטער אין ווילנע דורכשניטליך מעהר ניט ווי 4 רובל און ניט 6? ווי מיר האבען אויבען ערקלערט און ווי די פראקטיק וויזט אונז איז דאס דערפאר, ווייל עס זענען דא א פולע ליידיגע ארבייטער, וואס האבען ניט וואס צו עסען. ווי באלד די ארבייטער, האבען אויסגערעכענט, אז פאר 4 רובל א וואך קאן מען אין ווילנע דורכלעבען, ווערען זיי מרוצה צו ארבייטען פאר 4 רובל די וואך, ווייל זיי וויסען, אז אויב ניט זיי, וועלען זיך געפינען א פולע אנדערע ארבייטער, וואס וועלען זיך שטעלען ארבייטען פאר אזא שכירות. ווי וואלט אבער געווען, אז די פראדוקטען וואלטען געווארען וועלוועלער, אז למשל פאר 3 רובל א וואך וואלט מען אויך געקאנט ווי עס איז דורכלעבען און עס וואלט אויך געווען דער זעלביגער אנבאט און נאכפראגע אויף ארבייטער ווי פריהער? דאן וואלטען זיך געוויס געפונען ארבייטער, וואס וואלטען זיך גענוצט ארבייטען פאר 3 רובל

אױאך, װײל זײ װאלטען זיך אזױ געטראכט: אמת טאקי, מיר קריגען איצט מעהר ניט, װי 3 רובל אװאך, אבער פראדוקטען קריגען מיר דאך די זעלביגע װאס פריהער'. אלזא זעהען מיר, אז בײ די זעלביגע נאכפראגע און אנבאט אי: די רעאלע שכירות אױך די זעלביגע. װי נור עס װעט זיך פערגרעסערן די נאכפראגע אױף ארבײטער, אדער פערקלענערן דער אנבאט פון ארבײטער, ד"ה װי נור עס װעט זיך פערקלענערן די קאנקורענץ צװישען ארבײטער, װעט שױן קײן ארבײטער ניט װעלען אראבגעהן ביז דער לעצטער מדרגה: ער װעט בעטען מען זאל איהם געבען טײערער, און דאן װעט ער שױן ממילא קאנען האבען מעהרער פראדוקטען. פון דעם װאס מיר האבען גערעדט, זעהען מיר אלזא, אז דער נאמינאלער און רעאלער ארבײטס־לױן פערגרעסערט זיך, װען עס פערגרעסערט זיך די נאכפראגע אדער עס פערקלענערט זיך דער אנבאט פון ארבײטער, װײל דאן פערקלענערט זיך די קאנקורענץ צװישען די ארבײטער; דער נאמינאלער און רעאלער ארבײטס־לױן פערקלענערט זיך, װען די נאכפראגע פערקלענערט זיך, אדער דער אנבאט פערגרעסערט זיך, װײל דאן פערגרעסערט זיך די קאנקורענץ צװישען די ארבײטער.

איצטער קאן מען פרעגען א'ן אנדער קשיה. אין ערשטען קאפיטעל האבען מיר געזעהען, אז דער ארבײטער נעהמט אזױ פיעל װיפיעל ער דארף האבען דורכצולעבען און דא קומט אױס, אז די שכירות באלד העכערן זײ זיך און באלד פאלען זײ: אין אזא קלײנע צײט, אין װעלכע עס בײטען זיך די רעאלע שכירות, קאנען זיך דאך די בעדערפניסען פון ארבײטער ניט בײטען? דאס איז גאנץ ריכטיג, אבער פון דעסטװעגען זענען זיך בײדע קאפיטלעך ניט סותר. מיר האבען דא געזעהן, װי די שכירות העכערן זיך אין די גוטע צײטען און װי זײ פאלען אין די שלעכטע. אבער די צײטען בײטען זיך, די גוטע דערלײגען דאס, װאס עס פעלט אױס אין די שלעכטע. מיר האבען אבער געזעהן, אז אין בראדפארד זענען געפאלען די שכירות בײ די האנד־װעבער און װעלען זיך שױן קײן מאל ניט אױפהײבען, אבער דאס קען פארקומען

נור אין אזעלכע מלאכות, וועלכע געהן גאר אין גאנצען אונטער ווי עס איז בעוואוסט זעגען פון דער העלפט פון דעם 19 יאהר הונדערט די האנד־שטולען כמעט גאר אין גאנצען פערשוואונדען געווארען פון ענגלאנד און פערביטען געווארען מיט דאמפף־שטולען. די ארבייטער פון די האנד־שטולען האבען געוואלט מיט זייערע הונגעריגע מאגענס שטרייטען געגען דעם דאמפף־שטול. אומזיסט. דער פאקט פון דער ענגלישער שטעטעל בראדפארד ווייזט ניט, אז אונזער געזעטץ איז ניט ריכטיג, נור, אז אזא ארבייט, וואו די שכירות האלטען אין שטענדיגען פאלען און וועלען זיך שוין קיין מאל ניט אופהייבען, מוז גאר אין גאנצען אונטערגעהן, בטל ווערען, און אין ענגלאנד איז דאס טאקי געשעהען.

דער מענשליכער קערפער, זאגט די וויסענשאפט, פערלירט שטענדיג א געוויסען טהייל פון זיין פלייש, ביינער, מארך, נערווען און א טהייל פון זיין קראפט. דאס קומט פאר כאי ער הארעוועט, סאי ער הארעוועט ניט. וואס דער מענש הארעוועט מעהרער, פערלירט ער אלץ מעהרער שטאף (פלייש, ביינער, נערווען, מארך) און קראפט פון זיין קערפער. דאס, וואס דער מענש פערלירט, בעקומט ער צוריק דורך דעם עסען און לופט־אטהמונג. פון די פלייש, בולקעס, קעז, מילך א. ד. גל. ווערט אויפגעבויט ביים מענשען אין קערפער דער שטאף און די קראפט, וועלכע ער האט פערלארען. אויב דער מענש עסט ניט, בעקומט זיין קערפער ניט צוריק דאס, וואס ער האט פערלארען און דעריבער ווערט דער מענש דאר און שוואך (ד"ה עס ווערט אין איהם וועניגער שטאף און קראפט). די געלערנטע האבען אויסגערעכענט ריכטיג, וויפיעל קראפט און שטאף פערלירט אין א טאג אנ'ארבייטער. ווייטער וייסען די געלערנטע גאנץ ריכטיג, וויפיעל שטאף און קראפט קומט צו דעם מענשען פון יעדער מין עסענווארג און פון לופט, דעריבער ווייסען זיי ריכטיג, וואס און וויפיעל דער מענש דארף עסען, וויפיעל לופט ער דארף האבען, ווי גרויס עס דארף זיין זיין וואהנונג, כדי זיין קערפער זאל יעדען טאג בעקומען צוריק דאס וואס ער האט פערלארען. אויב דער מענש עסט וועניגער, אדער ער האט אנ'ענגערע דירה, ווי די וויסענשאפט געפינט דאס פאר נויטיג, פערלירט דער קערפער מעהרער, ווי ער בעקומט צוריק. דא קומט פאר די זעלביגע זאך, וואס מיט א מענשען, ביי וועלכען

די היצאה איז גרעסער ווי די הכנסה, — אזא מענש מוז באנקראטירען. אזוי איז איך מיט דעם מענשליכען קערפער: פון טאג צו טאג וועט ער ביסלעכווייז ווערען אלץ מעהר איסגעדארט און אבגעשוואכט, ער וועט אלץ מעהרער פערלירען דעם שטאף און די קראפט פון זיין קערפער, ער וועט אין א קורצע צייט אויפעסען זיין אייגענעם קערפער און וועט דעריבער שטארבען פאר דער צייט. דאס איז א געזעטץ אין דער נאטור, און קיין מ ע נ ש, וועלכער עסט וועניגער, ווי זיין קערפער פארדערט, קאן זיך פון דעם געזעטץ ניט אויסקויפען. איצט לאמיר זעהען, וויפיעל און וואס דארף דער ארבייטער עסען און וויפיעל עסט ער, ווי דארף ער וואהנען און ווי וואהנט ער.

	וויפיעל לייט אס וויינגסטען דארף עסען אנ'ארבייטער א טאג.	וויפיעל לייט עסט איף אנ' ארבייטער א טאג אין פוילען ?	וויפיעל עסט אויף אנ'ארבייטער אין פוילען וועניגער ווי ער דארף אויף עסען ?
ברויט	48	48	0
רינדערנע פלייש	18	2 1/2	15 1/2
פעטץ, פוטער, שמאלץ	2 1/2	1 ¹	1 1/4
מעהל	20	15 1/2	4 1/2
קארטאפעל	24	19	5
גרויפען	24	2	22
מילך	20	0	20

קוקט זיך גוט איין אין דער טאבעלע. אז איהר געהט זיך פערדינגען צו דער ארבייט, טראכט איהר: אט אבי ארבייט, אבי נור האבען מיט וואס דעם טאג איבערצוקומען. איהר דארפט אבער וויסען, אז איב איהר נעהמט פאר די ארבייט א ביסעל וועניגער, האט איהר ניט פאר וואס צו קויפען די נויטיגע מאס פלייש, פוטער, קארטאפעל, גרויפען; איהר פערקויפט א טהייל פון

אייער קערפער, וועלכען איהר וועט שוין קיינמאל ניט קאנען צוריק אבקויפען!

און ווי וואהנען די ארביטער אין רוסלאנד? צו וואהנען זיי אין אזעלכע דירות, וועלכע די וויסענשאפט געפינט פאר נייטיג פאר א מענשען? אין 1891 יאהר זענען זיך צונויפגעפאהרען אין לייפציג די גרעסטע פראפעסארען און דאקטוירים פון דייטשלאנד. דארטען האבען זיי בעשטימט, דאס די דירה ביי א מענשען דארף זיין אזוי גרויס, אז אויף יעדען מענשען זאל אויסקומען ניט ווייניגער ווי $1\frac{1}{2}$ קוביק־קלאפטער לופט, אויף א קינד א העלפט דערפון — און אין רוסלאנד? דער פאבריטשנער אינספעקטאר דעמענטיעוו האט דערוויזען, אז אין מאסקווער גובערניע וואהנען די ארבייטער אין דירות, וועלכע זענען פון 3 ביז 6 מאל קלענער, ווי די וויסענשאפט פאדערט. אין אנדערע גובערניעס איז ניט בעסער, ווי אין מאסקווער. אלע טאג, דעם גאנצען לעבען אטהעמען אין זיך די ארבייטער די פערשימעלטע לופט, זייער קערפער בעקומט קיין מאל ניט פון לופט די שטאף און קראפט, וועלכע ער פערלירט מאסענווייז דורך די אומענשליכע ארבייט.

נור ווען אפילו דער ארבייטער זאל שוין עסען ווי מען דארף, ער זאל שוין וואהנען אין אזא דירה, וועלכע מען דארף, מוז אויך זיין קערפער באנקראטירען, ער מוז שטארבען פאר דער צייט, ווען די וויסענשאפט ווייזט, אז דער ארבייטסטאג טאר ניט זיין לענגער ווי 8 שעה, די בעסטע שפייז קאן דעם קערפער ניט אומקערען דאס, וואס ער פערלירט אין א לענגערן ארבייטסטאג, און דאס איז דאך בעוואוסט, אז נאך דעם רוסישען געזעטץ דארף מען ארבייטען ביי בעל מלאכות 10 שעה און אין פאבריקען $11\frac{1}{2}$ שעה אין טאג ריינע, אויסער 2 שעה אף אנבייסען און מיטאג, אין דער ווירקליכקייט אבער ארבייט מען א סך מעהרער. וואס פאר א שלעכטע ווירקונג עס מאכט אויף דעם ארבייטער זיין שלעכטער ארט לעבען און זיין לאנגער ארבייטסטאג, קאן מען זעהען פון די פאקטען: אין 1886 יאהר איז געשטארבען פון יעדע 1000 מענשען פון רייכען קלאס 18 מענשען און פון יעדע 1000 ארבייטער — 40 מאן. מעג ארבייטער זענען אין זעלביגען יאהר געשטארבען פון 1000 — 57 מענשען און אין 1881 יאהר 59 אויף יעדע 100. אט ווי די נאטור שטראפט פאר די $15\frac{1}{2}$ לייט פלייש, פאר די $\frac{5}{4}$ לייט

פוטער, פאר די מילך, וואס פעהלט יעדען טאג דעם ארבייטער; אט ווי זי בעשטראפט פאר דעם קלאפטער לופט, וואס פעהלט דעם ארבייטער יעדע מינוט, פאר די איבעריגע 4 שעה ארבייט!... דעמענטיעוו ברינגט א מערקווירדיגען פאקט. צווישען די 4068 ארבייטער איף די באוועל־וועבעריען, וועלכע ער האט בעקקט, האט ער געפונען 4304 ארבייטער, וואס זענען אלט פון 18 ביז 39 יאהר און מעהר ניט 608 ארבייטער עלטער ווי 50 יאהר. וואו זענען אהין געקומען די טויזענדער ארבייטער, וואס האבען דא געארבייט מיט 4-3 יאהר צוריק און וואס זענען געוועזען איצט געגן 40 יאהר אלט? וואס איז די מעשה, אז פון זיי זענען געבליבען איינינע הונדערט, וואו זענען דאס די איבריגע? זיי האט מען שוין לאנג ארויסגעטריבען פון פאבריק... מען האט זיי ארויסגעווארפען ווי א צובראכענעם שארבען, וואס קאן צו קיין זאך ניט נוצען... מען האט זיי געהאלטען נור אזוי לאנג, ביז וואנען זיי האבען געהאט כח צו הארעווען, צו שמירען גאלד פאר די קאפיטאליסטען! יאהר יעהרליך ווארפט מען ארויס פון די פאבריקען טויזענדער, צעהנדליגע טויזענדער מענשען, נאך כמעט יונגע מענשען, וואס האבען אין דער יוגענד אויפגעגעסען זייער אייגענעם קערפער, אנשטאט פלייש; וואס האבען געהארעוועט איבער די כחות...

איב איהר ווילט וויסען, וואו זיי קומען אהין, טא גיט א קוק אין די שפיטעלער, הקדשים, באגאדיעלנעס דארטען זיינען זיי פול. איהר וועט זיי אויך בעגעגענען אין גרויסען פראסט אויפ'ן גאס, וואו זיי שטעהען אין איין רעקעלע, מיט אנאויסגעשטרעקטע האנד, בעטענדיג א נדבה. איהר וועט זיי אויך געפינען הינטערן קלויסטער: דארטען בעטען זיי גאט פאר די, וועלכע האבען זיי אין דער יוגענד גוטס געטהאן און האלטען זיי איך איצט אונטער אויף דער עלטער... דער ארויסגעטריבענער ארבייטער זיצט און בעט ברויט, ביז וואנען ער פאהרט אריבער אין די „איביגע וועלט", וואו — ווי די קאפיטאליסטען און רבנים ווילען אונז טרייסטען — זיינען ניטא ניט קיין רייכע, ניט קיין ארעמע...

מיר דארפען אלזא בעסער אויסדריקען דעם כלל, וועגען, וועלכען מיר האבען גערעדט אין אנהייב קאפיטעל: דער ארבייטער נעהמט אזוי פיעל, וויפיעל ער דארף האבען אויף דורכצולעבען אין דחקות, אין

איינגשאפט, אין מאטערנעס, אויף צו לעבען, מעהר ניט ווי צוויי דריטעל פון די יאהרען וואס מענשען לעבען. זאל יעדערער פון די לעזער און לעזערינען גוט געדיינקען, אז פערקויפענדיג בילינ זייער פראצע און דערצו הארעווענדיג צו פיעל, פערקויפען זיי ניט נור זייער פראצע, ניט נור זיך אליין אין דער צייט בעת זיי הארעווען, נור זיי פערקויפען אויך 30-20 יאהר פון זייער לעבען. דערמאהנט זיך 30-20 יאהר!...

איצט האבען מיר אויסגעהערט ביידע צדדים—די רעליגיע און וויסענשאפט—וועגען דעם צו איז גענוג דעם ארבייטער זיינע שכירות. איצט קאנען מיר אליין אויסקלייבען און בעטראכטען, וועמענס מיינונג איז וועגען דעם ענין א ריכטיגער.—מיר מוזען נאך מאכען איין בעמערקונג וועגען די גרויס פון ארבייטערס שכירות. זיי גיבען די ארבייטער א מעגליכקייט צו ארבייטען מעהר ניט ווי ביז 40 יאהר, ד"ה ביז דער צייט, אז זיי לאזען שוין א יונגען דור ארבייטער. די ארבייטער שטארבען פאר'ן בעל-הבית גלייך נאך דעם, ווי זיי האבען שוין אוועקגעגעבען די קאפיטאליסטען זייערע גאנצע קרעפטען און ווען זיי האבען שוין בעזארגט מיט נייע קנעכט, וועלכע וועלען אויך אזוי ווי זיי לעבען, אום צו פערמעהרען דאס רייכטהום פון קלאס קאפיטאליסטען. אין דער קאפיטאליסטישער וועלט קומט אויס אזוי, אז דער קלאס ארבייטער לעבט, ניט פאר זיך אליין, נור רייכער צו מאכען די קאפיטאליסטען; צוליעב דעם ציעל לעבט ער און צוליעב דעם ציעל שטארבט ער.

אבער צו קען א פערשטענדיגער מענש מסכים זיין מיט אזא ציעל? איצט אז מיר ווייסען שוין דאס מיר דארפען הערען נור די וויסענשאפט און ניט די רעליגיע קאנען מיר פערשטעהן, אז דער ציעל איז פאלש, אז מיר דארפען אנווענדען אלע אונזערע קרעפטען צו פערבעסערן אונזער לעבען צו פערגרעסערן די וואג פלייש, די מאס לופט א. ד. גל. מיט איין ווארט, צו דערגרייכען אזעלכע מיטלען, וועלכע גיבען די מעגליכקייט צו לעבען אזוי פיעל, וויפיעל א מענש קאן לעבען דורכשניטליך, און לעבען ניט ווי א בהמה, נור ווי א פערשטענדיגער און דענקענדער מענש.—דער בערימטער רוסישער פראפעסאר טאראהאנאוו ווייזט אויף, אז נאך דער נאטור נאך דארף

דער מענש לעבען 100 יאהר. די אורזאכע, פאר וואס ניט נור
די ארבייטער, נור אפילו די קאפיטאליסטען דערלעבען כמעט
קיין מאל ניט ביז אזא עלטער ליגט ניט אין דער נאטור פון מענ־
שען, נור אין די געזעלשאפטליכע בעדינגונגען, אין וועלכע מיר
לעבען איצט, ד"ה וויל די וועלט איז צוטיילט אויף רייכע און
ארימע, אויף ארבייטער און לעדיגגעהער. נור אין דער סאציאליס־
טישער געזעלשאפט, וואו עס וועט הערשען סאציאלע גלייכהייט,
וועלען די מענשען קענען אויסלעבען די גאנצע יאהרען, וועלכע די
נאטור האט זיי בעשטימט. די וויסענשאפט לייגט ארויף א התחייבות
אויף די ארבייטער צו שטרייטען פאר העכערע שכירות און צו פער־
לייכטערען זייער לעבען, צו שטרייטען פאר'ן סאציאליזמוס אום זיי
זאלען לעבען 2 מאל אזויפיל, ווי זיי לעבען איצט..

III.

ווי ווירקט דער קאפיטאליזם אויף דעם ארבייטערס שכירות?

„די דאמפף־שטוהלען קילענען אוועק די וועבער", „די
מעכאנישע שוסטערייען וועלען אין קורצען לאזען מיט'ן טארבע
טויזענדער שוסטער'", „די גרויסע קראמען רייסען ארויס פון בעל־
מלאכה דעם לעצטען ביסען ברויט פון מויל" — אזעלכע און ענה־
ליכע ווערטער הערט מען פון יעדער בעל־מלאכה. דער עיקר, פאר
וואס דעם ארבייטער איז אזוי שלעכט, איז נור דערפאר, ווייל האנד־
ארבייט ווערט פערביטען מיט מאשינען, און ניט אומזיסט שרייט
דער בעל־מלאכה: „געוואלד, וואו נעהמט מען די אמאליגע צייטען?"
און אז זיי זענען ניט אומגערעכט, האבען מיר געזעהן אין פאריי־
גען קאפיטעל: וואס מעהרער דאמפף שטוהלען ס'זענען אריינגעפיהרט
געווארען אין ענגלאנד, אלץ מעהרער האט זיך פערקלענערט די נאכ־
פראגע אויף די האנד־וועבער, אלץ מעהרער האט זיך פערגרעסערט
די קאנקורענץ צווישען זיי, אלץ מעהרער זענען געפאלען די
שכירות. אויסערדעם פאדערט די מאשין ניט אזוי פיעל ספעציא־
ליטעט פון דעם ארבייטער, ווי האנד־ארבייט און דאס פערגרעסערט
נאך מעהרער די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער.

מיר האבען געזאגט, אז די מאשינען ווארפען ארויס אויפ'
גאס די ארבייטער, זיי קאנקורירען מיט די פערנומענע ארבייטער

און ווארפען אראב די שכירות. נור דערפון איז קיין ראיה ניט, אז אין די לענדער, וואו דער קאפּיטאליזם איז שטארק ענטוויקעלט, וואו עס זענען דא גרויסע פאבריקען, וועלכע קאנקורירען אייניגע מיט די אנדערע און פערמאטערן דעם קליינעם געשעפטס־מאן, וואס מוז צוליעב דעם ווען ניט זיך אליין אין חאטש זיינע קינדער מאכען פאר ארבייטער, — אז אין אזוינע לענדער, ווי למשל ענג־לאנד און אמעריקא, זאלען זיין די שכירות קלענער ווי ביי אונז אין רוסלאנד, וואו עס גילט נאך זעהר פיעל די האנד־ארבייט. אין אמת'ן זעהען מיר פערקעהרט. אין לאנדאן צום ביישפּיעל, זענען אין 1887 יאהר ארומגעגאנגען ליידיג פוהרלייט, טרעגער און מע־כאניקער פון 30 ביז 40 פּראצענט (ד. ה. פון יעדעם הונדערט ארבייטער זענען פון 30 ביז 40 ארומגעגאנגען אהן ארבייט); בעקער, שמידען, באנדארעס, קירזנער פון 40 ביז 50 פּראצענט, סטאליארעס, טשעסלער באזאק־ארבייטער, מאליארעס, ארבייטער אויף גלאז־פאבריקען, האק־ארבייטער פון 80 ביז 90 פּראצענט. געוועהנליך האבען די אלע קאנקורירט צווישען זיך און אראבגע־ווארפען די שכירות און פון דעסטוועגען וויסען מיר פון דער סטאטיסטיק, אז אין רוסלאנד איז דאן די שכירות געוועזען נידריגער ווי אין אמעריקא און ענגלאנד.

די שכירות אין ענגלאנד און אין אמעריקא—סאי וואו עס גילט נאך האנד־ארבייט, סאי וואו עס טהוען שוין דאמפף־מאשינען זענען א סך העכער ווי אין רוסלאנד. אויב מיר זאלען אויסרעכענען די שכירות אין אלגעמיין, ד. ה. ארייגרעכענען אין חשבון מאנסלייט און פרויען, דערוואקסענע און קליינע קינדער, וועט אויסקומען, אז אין ענגלאנד נעהמען די ארבייטער אין $2\frac{1}{4}$ מאל מעהרער, ווי אין רוסלאנד, און אין אמעריקא כמעט אין 5 מאל מעהרער. דער ריכטיגער אונטערשייד צווישען די שכירות פון אמעריקאנער ענגלישע און רוסישע ארבייטער איז נאך גרעסער: דער אמעריקאנער ארבייטער נעהמט 5 מאל אזוי פיעל ווי דער רוסישער און טהוט דורכשניטליך אין מאנאט מיט 72 שעה ווייניגער; דער ענגלישער ארבייטער נעהמט $2\frac{1}{4}$ מאל אזוי פיעל ווי דער רוסי־שער ארבייטער און ארבייט מיט 50 שעה אין מאנאט ווייניגער. דאס איז אלץ דער נאמינאלער ארבייטס־לוין. דער רעאלער ארבייטס־לוין ד. ה. די פּראדוקטען, וועלכע דער ארבייטער קויפט

פאר זײנע שכירות), וואס איז דער עיקר פאר'ן ארבײטער, איז אין אמעריקא און אין ענגלאנד אויך א סך העכער ווי אין רוסלאנד. אין אמעריקא (אין שטאדט מאסאטשאעטס) זײנען 8 פראדוקטען וועלוועלער ווי אין מאסקווער גובערניע אין 6 טײערער, און אין ענגלאנד 6 פראדוקטען וועלוועלער און 8 טײערער, בינו לבינו קומט אויס—אז אין אמעריקא איז עסענווארג ניט טײערער ווי אין רוסלאנד (אין (מאסקווער גוב). און די אמעריקאנער ארבײטער גיבען אויס מאנאטליך אויף עסען 18 רובל און א פרוי 15 רובל, אין מאסקווער גובערניע גיט אויס אנ'ארבײטער אויף עסען 5 ר. און אונזער א אידישע ארבײטערין ניט מעהר ווי 4 רובל. איהר פערשטעהט שוין וואס פאר א גרויסער אונטערשייד עס איז אין עסען צווישען די איסלענדישע ארבײטער און די ארבײטער אין רוסלאנד. בגדים און וועש ווײס מען אויך, אז אין איסלאנד קאסט א סך וועלוועלער, ווי אין רוסלאנד און דעריבער געהען די אויסלענדישע ארבײטער א סך בעסער געקלײדעט. וואס אנבעלאנגט צו דירות—האבען מיר, דאכט זיך, גאר ניט וואס צו רעדען. ערגער פון אונזערע דירות ווי די ארבײטער־דירות אין רוסלאנד, קען שוין גאר ניט זײן. די רוסישע ארבײטער וואהנען אין „פאבריק־קאזארמעס", צוזאמענגעשפארט, שמוציג, מאנכליים, פרויען אין קינדער כמעט ניט אבגעטהײלט. די אידישע און פוילישע ארבײטער האטש זײ שלאפען ניט אין אזוינע „פאבריק־קאזארמעס", פון דעסטוועגען צווײפלען מיר צו זײערע דירות זײנען בעסער פון די דירות פון רוסישע ארבײטער. אז מען זאל אויסמעסטען די לופט פון די פינסטערע, ענגע, פערפעכטעטע דירות, וואס זײנען פול מיט שכנים, אויף נאוואגראד אין ווילנא, אויף יורזעקע אין גראדנא, אויף חאנאיקעס אין ביאלאסטאק, אויף סלאבארקע אין קאוונא, אין די אידישע גאסען אין ווארשאו א. ז. וו. א. ז. וו. ווײסען מיר ניט, אויב מען וועט געפינען מעהרער ווי $^1/_2$ קוביק־קלאפטער לופט אויף יעדען מענשען. איצט הערט ווי מען בעשרײבט די דירות פון די אמעריקאנער ארבײטער: „די דירות זײנען גרויס; אין הויז איז שײן ריין, די צימערן זײנען שײן אויפגעראמט, ניט מיט לוקסוס, נור בעלי־בתיש פערפוצט", מיט איין ווארט, דער ארבײטער אין אמעריקא פערנעהמט אזעלכע דירות, ווי בײ אונז אין רוסלאנד לעהרער, בוכהאלטערס אדער מיטעלע בעלי־בתים. — עס פער־

שטעהט זיך, אז דאס רעדט זיך איבער היפט וועגען געבארענע אמעריקאנער ארבייטער, וועלכע האבען כמעט שטענדיג ארבייט.

מיר האבען שוין פריהער געזעהען דעם אונטערשייד צווישען דעם נאמינאלען ארבייטס-לוין אין רוסלאנד און אין אויסלאנד: איצט זעהען מיר ש"ך, אז דער רעאלער ארבייטס-לוין אין אויסלאנד איז בכלל גרעסער, ווי אין רוסלאנד אדער אנדערש גערעדט: דער אמעריקאנער ארבייטער לעבט א סך בעסער ווי דער רוסישער. דערפון זעהען מיר, אז גראד דארטען, וואו דער קאפיטאליזם איז זעהר ענטוויקעלט, וואו דער אונטערשייד צווישען אנבאט אין נאכפראגע אויף ארבייטער איז א סך גרעסער, ווי ביי אונז אין רוס-לאנד, איז די רעאלע שכירות גראד העכער.

כדי צו דערהווייזען אז דער פאקט איז ניט סותר דאס, וואס מיר האבען געזאגט אין צווייטען קאפיטעל, מוזען מיר זיך אומקעה-רען צום געזעטץ, וואס מיר האבען געזאגט וועגען ארבייטערס שכירות. נאך דעם געזעטץ גאך נעהמען די ארבייטער דורכשניטליך אזוי פיעל שכירות וויפיעל עס איז זיי נויטיג אין דעם אדער יענעם ארט צו קויפען א געוויסע מאס עסענווארג, קויפען קלוידער, וועש, דינ-גען א דירה א. ד. גל. מיט איין ווארט, וויפיעל עס איז זיי נויטיג צו קויפען אזעלכע פראדוקטען, אהן וועלכע זיי קאנען ניט אויסקו-מען. די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער, ווי מיר האבען געזעהען, ווארפט שטענדיג אראב דעם ארבייטערס שכירות, נור די בעדער-פעניסען פון די ארבייטער און א געוויסע מאס פראדוקטען, וועלכע די ארבייטער האלטען פאר נייטיג צום לעבען, זיינען דער גרעני-נעץ, אונטער וועלכען דער קאנקורענץ איז שווער אראבציא-ווארפען די שכירות. אויב די ארבייטער נעהמען שכירות נידרי-גער ווי זייערע בעדערפניסע זיינען, געדויערט דאס ניט לאנג; די ארבייטער זיינען דערפון אונציפרידען און ווארטען נור אויף די ערשטע געלעגענהייט די שכירות צוריק אויפצוהייבען אויף אזא שטופע, וועלכע זיי, די ארבייטער, האלטען פאר נויטיג. לאמיר זיך פארשטעלען, אז למשל, ביי סטאליארעס און ביי אונגעלערנטע טעגארבייטער איז דער אנבאט פון ארבייטער דהיינו 2 מאל מעהרער ווי די נאכפראגע; די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער וועט ביי זיי זיין גלייך, דאך וועלען די סטאליארעס געהמען העכערע שכירות, ווי די טעג ארבייטער; די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער

וועט אראבזעצען די שכירות אויף א נידריגע מדרגה ביי ביידע סארטען ארבייטער, אבער די קלענסטע סומע שכירות וועט זיין ביי די סטאליארעס א סך גרעסער, ווי ביי די טאגארבייטער, ווייל די בעדערפעניסען ביי די סטאליארעס זענען העכערע, ווי ביי די אינגלענטע ארבייטער און דעריבער נעהמען זיי העכערע שכירות. מיר זעהען, אלזא, אז אפילו אין דעם זעלביגער שטאדט און אין דער זעלביגער צייט זענען די בעדערפניסען פון פערשידענע סארטען ארבייטער אויך פערשידען; נאך גרעסער איז דער אונטערשייד אין די בעדערפעניסען צווישען ארבייטער פון פערשידענע שטעדט אין איין לאנד און נאך פיעל-פיעל גרעסער איז ער צווישען ארבייטער פון פערשידענע לענדער. מיר האבען געזעהען, אז דער אמעריקאנער ארבייטער עסט בעסער, וואהנט אין א בעסערע דירה, געהט בעסער געקליידעט, ווי דער ארבייטער אין רוסלאנד — ראס איז אלץ דעריבער, ווייל זיינע בעדערפעניסען זיינען העכער, אויב די בעדערפעניסען ביי די אמעריקאנער ארבייטער וואלטען געוועזען ניט גרעסער ווי ביי די רוסישע וואלט דאן די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער אראבגעווארפען די שכירות פון די אמעריקאנער ארבייטער צו דער זעלבער שטופע, אויף וועלכער עס שטעהען די שכירות אין רוסלאנד.

אבער וואס איז די מעשה, וואס אין די לענדער, וואו עס איז מעהרער ענטוויקעלט דער קאפיטאליזם, זענען די בעדערפניסען העכער ווי אין יענע לענדער, וואו ער איז ניט ענטוויקעלט?

לאמיר זעהען, ווי ווירקט דער קאפיטאליזם אויף די בעדערפניסען למשל אין קליידונג. בגדים, ווי עס איז בעוואוסט, דיענען צו פערדעקען אונזער קערפער, פערהיטען איהם פון קעלט. נו איב אזוי, איז דאך, דוכט זיך אלץ איינס צו א שערמינגע, א שעפ-סענער פעלץ, פראסטע קארץ, גוטע געוואנדען, פוטערס, זיידענס? ווי באלד אזוי, איז דאך די קשיה, פאר וואס זאלען די ארבייטער ניט טראגען קיין פראסטע שערמינגעס, שעפסענע פעלצען א. ד. ג? מילא אויף די רייבע איז דאך קיין קשיה ניט: זיי ווייסען דאך סאי ווי סאי ניט וואס פאר א משוגעת אנצושטעפען אויף זיך, אבער די ארבייטער, ביי זיי איז דאך יעדע קאפיקע אויסגערעכענט? דער תירוץ איז, אז קיין מענש וויל ניט, מען זאל איהם האלטען נידריגער פאר דעם אנדערן, און האמש דער שפריכווארט זאגט, אז

ארעמקייט איז קיין שאנד ניט", פון דעסטוועגען שעמט זיך יעדע־
דער מיט זיין ארעמקייט און וויל אידה וואס מעהר בעהאלטען פון
צווייטען. דעם ארבייטער קלאפט מאקע געגוג דאס הארץ, ווען
ער שטעהט ביים פאבריקאנט אין קיך נור דערפאר, ווייל ער איז
אנ'ארבייטער, אנ'ארעמאן, יעדער וואלט וועלען, אז חאטש ער
איז אנ'ארעמאן, פון דעסטוועגען זאל מען אויף איהם ניט דער־
קענען, אז ער איז דאס. אט פאר וואס יעדער מענש, ווען ער
מאכט זיך א בגד, קוקט ער ניט אויף דעם, וואס איז ארגעמער
פון איהם, נור אויף דעם רייכערן פון זיך, ווייל ער וויל ניט
אויסווייזען ווי אנ'ארעמאן. מעהר ניט די גרויסע קאפיטאליסטען
קוקען אויף קיינעם ניט, ביי זיי ענטוויקעלט זיך די בערערפנים
צוליב דעם, ווייל זיי ווילען זיין העכער פון אלעמען. אט ווי
אזוי דאס איז. צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פון פראדוקציאן און
מסחר וואקסט די קאנקורענץ צווישען די קאפיטאליסטען און
יעדער פון זיי זעהט זיך אויסצוצייכענען מיט'ן אויסערליכען גלאנץ,
ווי צום בייּשפיעל אנצושעפען אויף זיך די טייערסטע קליידער,
גאלד, ברילאנטען, געבען גרויסע בעלער פאר באנקירען און
הויכע בעאמטע (טשינאווניקעס), בעקומען מעדאלען, געבען
גרויסע נדבות, וועלכע זאלען פערקלינגען אין דער גאנצער וועלט
א. ז. וו. — נור ארויסצושטעלען זיך רייכער און גרעסער פאר'ן
צווייטען. די שיינע בגדים איז דער אויסערליכער בעווייז, דער
שילד, דער צייכען פון זייער רייכטהום. די מיטעלע פאבריקאנטען
און סוחרים, וועלכע האבען אויפטראגע מיט גרויסע, זעהען זיך
אויך אנצוטהאן אזוי ווי זיי, כדי זיי זאלען ניט מאכען אנ'איינדרוק
פון ארעמע; נור אזוי ווי דאס קענען זיי ניט אין גאנצען דער־
גרייכען, דעריבער טהוען זיי זיך אן עטוואס ערגער פון זיי.
ווייטער, דער קלענערער סוחר, דער מייסטער, דער בוכהאלטער,
דער לעהרער, וועלכע האבען אויפטראגע מיט דעם מיטעלען
קלאס מענשען, זעהען איהם אין די קליידער נאכצומאנצען, אויף
וויפיעל זייער קעשענע ערלויבט זיי סטארשען זיי זיך אלץ, דאס
זייערע קליידער זאלען זיין ניט פיעל ערגער פון די קליידער פון מיטעלען
קלאס מענשען, דער ארבייטער, וויעדער, קוקט שוין אויפ'ן מייסטער,
אויפ'ן לעהרער אויפ'ן בוכהאלטער. אט אזוי מאנצט מען נאך
איינע נאך די אנדערע. אזוי ווי אין די לעגדער, וואו דער־

קאפיטאליזם איז ענטוויקעלט, זיינען דא א סך מעהרער און א סך גרעסערע קאפיטאליסטען, ווי אין די לענדער, וואו דער קאפיטאליזם איז ווייניגער ענטוויקעלט, דעריבער קליידען זיי זיך דארטען שענער און אויך זיי קוקענדיג מוזען שוין די אלע קלאסען, וואס שטעהען נידריגער פון זיי, זיך אויך בעסער קליידען. דאס איז איינע פון די אורזאכען, פאר וואס די ארבייטער אין ענגלאנד און אמעריקא זיינען בעסער און שענער געקליידעט ווי אונזערע ארבייטער אין רוסלאנד. דאס זעלבע איז מיט דירות, דאס זעלבע מיט עסען. דעם זעלביגען עסען, וואס שמעקט גאנץ גוט דעם מיכאילישקער ארבייטער, וועט דער אמעריקאנער ארבייטער אין מויל ניט קענען נעהמען. דער מיכאילישקער ארבייטער איז זעהר צופריעדען, ווען ער האט ווינטער א שטיקעל איינגעזאלצענע קעלבערנע פלייש און זומער א ביסעל מילכיגע שיטערע קרופניק: דער אמעריקאנער ארבייטער אבער דארף האבען סאי זומער, סאי ווינטער א שטיקעל גוטע פלייש מיט א פלאש ביער אדער וויין.

אבער געוויס וועט איך וואונדערן וואס די פויערים אין דארף טאנצען ניט נאך דעם פריץ; וואס דער לוקסוס, אין וועלכען דער פריץ לעבט, פערגרעסערט גאר ניט די בעדערפניסען פון די פויערים. די אורזאכע דערפון איז, וואס דער אונטערשייד צווישען פריץ און פויער איז זעהר גרויס. כדי דער פריץ זאל קענען ווירקען אויף די בעדערפניסען פון פויער, האבען צווישען זיי ביידען געדארפט זיין נאך קלאסען מענשען, דאן וואלט דער פויער געהאט אויף וועמען צו קוקען. ווען דער פויער קומט אין שטאדט ארבייטען, איז די ערשטע צייט האלט ער זיך נאך ביי זיינע פריערדיגע בעדערפניסען, נור מיט דער צייט הייבט ער זיך שוין אן צו קליידען ווי א שטאדט־מאן. ער רייכערט שוין א פאפיראס, א שטאט די „מאבארקע", וואס ער האט ביז אהער גערויכערט אין דארף, ער געוויינט זיך צו צו די שטאדטיגע עסען. מיט איין ווארט, זיינע בעדערפניסען הערבען זיך.

מיר האבען געזאגט, אז צווישען די ארבייטער און קאפיטאליסטען דארף זיין א קלאס מענשען, וועלבער זאל זיין ארעמער פון גרויסע קאפיטאליסטען און רייכער פון ארבייטער, כדי די בעדערפניסען פון ארבייטער זאלען זיך אויפהויבען. דאס

איז זעהר וויכטיג אין דעם ענין, וועגען וועלכען מיר רעדען דא איצט. אין יעדעם לאנד, וואו דער קאפיטאליזם איז ענטוויקעלט, לעבען ארום יעדען גרויסען געשעפט הונדערטער מענשען: קאמיסיאנערען, קאמי־וואיאזשארען, בוכהאלטער, לעהרער, דאקטוירים, יוריסטען, משרתים א. ד. גל. אט דער קלאס מענשען—דאס איז כמעט דער גרעסטער טהייל מענשען פון די בעפעלקערונג אין די גרויסע שטעדט און אין די קאפיטא־ ליסטישע לענדער. דער קלאס מענשען איז אים שטאנדע נאכ־ צוטאנצען נאך די רייכע, און אזוי ווי זיי זענען דער גרעסטער טהייל פון פובליקום, דעריבער רעכענט זיך זייערע קליידונג, עסען, דירות פאר די געוועהנליכע. יענער, וואס געהט א סך שענער פון זיי געקליידעט און לעבט בעסער, רעכענט זיך פאר א גביר, ווער עס געהט ערגער געקליידעט און לעבט ערגער, רעכענט זיך פאר אנ'ארעמאן. אט ווי אזוי דער קאפיטאליזם ווירקט אויף די בעדערפניסען פון דעם ארבייטער־קלאס. נור דאס איז נאך ניט אלץ. עס איז בעוואוסט, אז אין די לענדער, וואו עס ענטוויקעלט זיך מעהר דער קאפיטאליזם, וואו מאשינען ווערען מעהרער איינגעפיהרט, קאסטען די פראדוקטען ביליגער. ווי די פראדוקטען ווערען ביליגער, הויבט זיי אן צו פערברויכען דער קלאס מענשען, וועלכער שטעהט מיט א שטאפעל העכער פון ארבייטער: דער קלאס מענשען לעבט דאך ניט פון ארבייטס־ לוין און קען פערגרעסערן זיין הוצאה. אבער ווי דער קלאס מענשען הויבט אן צו פערברויכען די ביליגע פראדוקטען, ווילען די ארבייטער, וואס פערדינען א ביסעל מעהר, דאס אויך פער־ ברויכען; אויף זיי קוקענדיג הויבען דאס אן צו פערברויכען די איבעריגע ארבייטער און ביסלעכווייז געהט דאס אריין אין זייערע געוועהנליכע בעדערפניסען.

אין פריערדיגען קאפיטעל האבען מיר געזעהען, אז די שכירות זענען ניט אלע מאל גלייך: ווען די נאכפראגע אויף ארבייטער פערגרעסערט זיך, לעבט דער ארבייטער בעסער; ער הויבט אן צו בענוטצען אזעלכע זאכען, וועלכע ער איז פריער ניט געוועזען אים שטאנד צו בענו־צען. אויב אזא צייט געדויערט לאנג, ווערען יענע פראדוקטען דעם ארבייטערס געוועהנליכע בעדערפניסען און ער קען זיך שוין פון זיי ניט ענטזאגען אפילו דאן, ווען די

נאכפראגע אויף ארבייטער ווערט קלענער און דעריבער לאזען זיי די שכירות ניט פאלען אזוי נידעריג. ענגלאנד און אמעריקא — דאס זענען די לענדער, וואו דער קאפיטאליזם איז ענטוויקעלט מעהר, ווי אומעטום — האבען איבערגעלעבט א צייט, ווען די נאכפראגע אויף ארבייטער האט זיך שטענדיג פערגרעסערט. אין ענגלאנד איז געווען אזא צייט אין די יאהרען פון די 40־סטע ביז די 70־סטע, אין אמעריקא פון מיטען 19־טען יאהרהונדערט. דאס האט שטענדיג פערהעכערט די בעדערפניסען פון די ארבייטער אין דיעזע 2 לענדער. נור דאס איז נאך אלץ ניט גאר. די קאפיטאליסטען אין די קאפיטאליסטישע לענדער זעהען איבערצושטייגען איינע די אנדערע אין די בילדונג, וואס זיי גיבען דעם פאלק. אמת טאקי, די קאפיטאליסטען פאדערן איצטער ווייניג בילדונג פון ארבייטער; די מאשינע האט פערביטען דעם ארבייטערס קענטניס, נור פון רעסטווענען איז א מאשינע אן אידעלע זאך: פון דער קלענסטער אורזאכע שטעלט זי זיך אב, אדער הויבט אן צו געבען פראדוקטען, וואס טויגען ניט. פאר'ן פאבריקאנט איז א סך גלייכער, אז דער ארבייטער, וואס טהוט ביים מאשין, זאל אליין אין איהר עטוואס פערשטעהן, כדי, אז עס מאכט זיך וואס, זאל מען זיך ניט דארפען ווענדען צום מייסטער. וואס דער ארבייטער איז געלערנטער און פערשטענדליכער ארבייט ער אלץ בעסער. די קאפיטאליסטען כטארעווען זיך דעריבער אין לאנד זאל זיין מעהר אלגעמיינע שולען און בעזאנדערס טעכנישע שולען, — דאס זענען אזעלכע שולען, וואו מען לערנט צו פערשטעהן מאשינען פון אלע סארטען ארבייט. די געענדיגטע פון די טעכנישע שולען זענען ניט קיין פראסטע ארבייטער; דאס זענען די ארבייטער־אריסטאקראטען, פאבריק־מייסטערס פאדר־מייסטערס, איפזעהערס א. ד. גלייכען.

פאר די פראסטע ארבייטער עפענט מען פאלקס־שולען. דארטען גיט מען ניט קיין ספעציעלע וויסענשאפט וועגען דער טעכניקע, נור דאך דער מענש, וואס ענדיגט א פאלקס־שולע, איז פארט עטוואס געבילדעט און קען א ביסעל בעטראכטען די געצייג און די ארבייט, וועלכע ער טהוט, פערשטעהן די אורזאכע פון א געוויסען פעהלער אין דער ארבייט און קאנען דעם פעהלער פערריכטען. ביי אונז אין רוסלאנד זעהען מיר איך דאס זעלבע;

וואס מעהר דער קאפּיטאליזם ענטוויקעלט זיך, דאס זארגט אלץ — ניט ווילענדיג — אונזער רעגירונג וועגען די פאלקס־בילדונג.
די פאלקס־בילדונג הויבט אויף די בעדערפניסען פון דער ארבייטער־מאסע. ביי א מענשען וואס קאנן לעזען און שרייבען, איז דא א בעדערפעניס צו לעזען א בוך, א צייטונג, א זשורנאל, בעזוכען א שולע, וואו מען דערגעהט א ביסעל העכערע בילדונג, ווי אין די פאלקס שולען*). ביי דעם ארבייטער אין רוסלאנד וועט איהר ניט אלע מאל געפינען א הוצאה אויף א סך נויטיגע זאכען, הייגט ווער רעדט וועגען א הוצאה אויף בילדונג**). אין אויסלאנד אבער, זענען די אויסגאבען אויף בילדונג איינע פון די געוועהנליכע הוצאות ביים ארבייטער. וואורם, אנ׳ארבייטער־דעפּוטאט אים דייטשען פארלאמענט, ברייננט אין זיין בוך חשבונות וועגען די הוצאה און און הכנסה פון 46 ארבייטער אין דייטשלאנד. פון די חשבונות זעהען מיר ארויס, אז מעהר ניט ביי 7 פון זיי איז ניטא קיין הוצאה אויף בילדונג; ביי די איבריגע 39 אבער איז דאס א הוצאה פון 10 ביז 20 רובל יעהרליך.

נאך א אורזאכע, פאר וואס אין די לענדער, וואו דער קאפּיטאליזם איז מעהר ענטוויקעלט, זענען די שבירות העכער.

אין די לענדער, וואו עס גילט איבערהויפּט האנדווערקעריי, זעהט דער ארבייטער וועניגער ארויס, אז זיינע אינטערעסען זענען פיינדליך מיט די אינטערעסען פון בעל־הבית. דער בעל־הבית איז ניט קיין סך רייכער פון ארבייטער; יעדער ארבייטער האפט אליין צו ווערען א בעל־הבית, און דעריבער קוקט ער אויף זיך ניט אין גאנצען ווי אויף אנ׳ארבייטער. די ארבייטער לעבען אפט ביי די בעלי־בתים, עסען און האדעווען מיט זיי צוזאמען, דעריבער ווערען זיי אפט מאל בעפריינדעט. די ארבייטער זעלטען ווען פעראייניגען זיך צו שטרייטען ענטקעגען די בעלי־בתים. ווי אבער דער קאפּיטאליזם הויבט זיך אן צו ענטוויקלען, ווי נור די ווערקשטאטען פערגרעסערן זיך, ווי נור די ארבייטער דארפען שוין האבען קאפּיטאלען צו מאכען אייגענע געשעפטען, ווי נור

*) אין אויסלאנד זענען דא פאלקס־אוניווערזיטעטן: דאס זענען שולען, וואו געבילדעטע מענשען לעזען לעקציעס פאר׳ן ארבייטער.

**) אין די 11 יאהר זינד דער ביכעל איז געשריבען געווארען האט זיך דאס לעבען פון די רוסישע ארבייטער א ביסעל אויסגעבעסערט בכלל און אין בילדונג בפרט.

די בעלי־בתים אליין הערען איף צו טהאן די ארבייט, ווי נור די ארבייט ווערט צוטהיילט איף קליינע שטיקלעך און די ספעציאליטעט פון ארבייטער הערט איף צו שפיעלען אזא גרויסע ראליע און איבערהויפט ווי נור מען הויפט אן צוריינצופיהרען מאשינען, זעהען אלץ מעהר די ארבייטער ארויס זייער ביטערע לאגע; זיי זעהען ארויס, אז זיי מוזען שוין איביג בלייבען ארבייטער, אז זיי האבען שוין איף קיין זאך ניט וואס צו האפען. זיי זעהען זיך ארום, אז וואס וויטער שטרעבען אלץ מעהרער די בעלי־בתים צו פערקלענ־בערען זייערע שכירות, צו פערגרעסערען די שטראפען, די שטרענגקייט איפ'ן פאבריק, אז וואס וויטער שטרעבט אלץ מעהר דער פאבריקאנט ארויסצוטרייבען פון ארבייטער זיין נשמה, ארויסצורייסען ביי איהם פון מויל זיין שטיקעל ברויט. און דאן נור זעהען זיי ארויס, ווי פיינדליך זייערע אינטערעסען זענען מיט די אינטערעסען פון די בעלי־בתים און ווי נויטיג עס איז צו שטרייטען מיט זיי. אז דאן שליסען זיי פעסטע און שטענדיגע פראפעסיאנעלע פעראיינען, אום בעסער צו קאנען שטרייטען מיט די בעלי־בתים. די קליינע האנדווערקעריי האט געהאלטען די ארבייטער צוואווארפען אין פיעל ווערקשטאטען און אין פערשידענע בעדינגונגען; דער קאפיטאליזם פערקעהרט האט זיי צוזאמענגענומען אין איינציגע שטעדט אין דארטען גאנצע מאסענווייז אין איניגע פאבריקען, וואו אלע לעבען ביי די זעלביגע אונמענשליכע בעדינ־גונגען. יעדעם פריזהייטס־ווארט, יעדעס ווארט וועגען אחדות, וועגען שטרייט פערשפרייט זיך גאנץ גיך צווישען די ארבייטער, וועלכע זענען שוין אהן דעם אויך שטארק פערבונדען דורך די קייטען פון פאבריק. אלזא זעהן מיר, אז וואס מעהר עס ענטוויקעלט זיך אין אלגעמיין דער קאפיטאליזם, איז אלץ שטארקער די פעראייניגונג צווישען די ארבייטער, איז אלץ גרעסער דער שטרייט מיט די בעלי־בתים צו פערבעסערן דאס לעבען בכלל און צו פערגרעסערען די שכירות בפרט.

IV.

איינגע אורזאכען, וועלכע פערקלענערען די שכירות.

א. שטיק־ארבייט.

אז איהר וועט פרעגען א ארבייטער, ווי איז בעסער צו

ארבייטען: צו פון שטיק צו פון וואך, וועט ער אייך שטענדיג ענטפערן, אז פון שטיק איז בעסער: „אז איך ארבייט פון שטיק— וועט ער אייך זאגען—איז וואס איך ארבייט מעהר, פערדיען איך אלץ מעהר. אויסערדעם בין איך א פרייער פויגעל: וויל איך, ארבייט איך פיעל, וויל איך, ארבייט איך וועניג; אויב איך וויל פון דער ארבייט ערגעץ וואו אוועקגעהן, וועט מיר קיינער ניט שטערען". —לאמיר גוט ערקלערען, צו איז דאס אזוי. דיזע פראגע איז זעהר נויטיג צו וויסען דעם ארבייטער, ווייל אפטימאל ווילען די בעלי־בתים, ביי וועלכע מען ארבייט פון וואך, אז מען זאל ארבייטען ביי זיי פון שטיק, דעריבער דארפען די ארבייטער האבען א ריכטיגע מיינונג צו לוינט דאס פאר זיי צו ניט.

די ארבייטער זאגען, אז ביי שטיק־ארבייט זעהט מען מעהרער אויסצוארבייטען און דעריבער פערדיענט מען מעהר. אבער וואס מעהר די ארבייטער ארבייטען אויס, פאדערט זיך דאך אלץ וועניגער ארבייטער. דהיינו, אז א שניידער דארף אין א וואך אויפנייען 4 מאנטלען, דארף ער האבען 4 ארבייטער, וואס ארבייטען 12 שעה אין טאג. אינאיינעם ווערען אלזא א יפגענייט די 4 מאנטלען אין 288 שעה. אבער אז די ארבייטער וועלען ארבייטען צו 16 שעה אין טאג, וועט דער מייסטער מעהר ניט פאדערן ווי 3 ארבייטער (3 מאל 16 איז 48; 6 מאל 48 איז אויך 288), און דאס האבען מיר שוין פריהער אויפגעוויזען, אז וואס וועניגער עס פאדערט זיך ארבייטער, פאלען אלץ מעהר די שכירות. אלזא וויזט דער פראסטער שכל אויף, אז שטיק־ארבייט מוז פערקלענערן די שכירות. פאקטען וויזען אויך אויף דאס זעלבע. אין מאסקווער גובערניע פערדיענען דורכשניטליך ארבייטער, וואס ארבייטען פון מאנאט 14 ר. 25 קאפ. און שטיק־ארבייטער 12 ר. 45 קאפ. און דאס איז דאך א בעוואוסטע זאך, אז שטיק־ארבייטער הארעווען מעהרער, ווי ניט שטיק־ארבייטער. אין סיציליען (אין איטאליען) אין די שוועבעל־גריבער ארבייטען די טעג־ארבייטער 7 שעה אין טאג און די שטיק־ארבייטער 8 שעה. די טעג־ארבייטער בעקומען 80 קאפ. א טאג און די שטיק־ארבייטער פערדיענען מעהר ניט ווי 70 קאפ. א טאג.

אז שטיק־ארבייט איז שלעכט פאר'ן ארבייטער קאנען מיר ארויסזעהן פון דעם, וואס מיר האבען פריהער אויפגעוויזען. מיר

האבען שוין געזעהען, דאס דער ארבייטער נעהמט נאך זיינע בעדערפניסען נאך, היינט דאס פערשטעהט מען ראך, אז די בעדערפניסען זענען גלייך ביי דעם שטיק־ארבייטער, ווי ביי דעם וואך־ארבייטער, אלזא דארפען זייערע שכירות איך זיין גלייכע. אויב אויף די שטיק־ארבייט וועט שטעהן אזא פרייז, אז דער ארבייטער וועט קאנען פערדיענען מעהרער ווי זיינע בעדערפניסען פאדערן, וועט דער פרייז צוליעב די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער מוזען פאלען, און אזוי ווי די ארבייטער זעהען, וואס מעהרער צו הארעווען, קאן נאך ביי שטיק ארבייט די שכירות פאלען נידריגער ווי דעם ארבייטערס בעדערפניסען פאדערען. אט זענען פאקטען. אין 1891 יאהר איז געוועזען א הונגער אין רוסלאנד; פויערים האבען ניט געהאט וואס צו עסען, קיינע אנדערע פער־דינסטען האבען זיי ניט געהאט סיידען אנצוקומען אויף די פאבריקען, די פאבריק־ארבייט איז געוועזען זייער גאנצע פרנסה, פון וועלכע מען האט געדארפט לעבען מיט א ווייב און קינדער און נאך קאר־מענען די בהמות איך. עס פערשטעהט זיך, אז די פויערים האבען זיך געסטארעט וואס מעהר צו פערדיענען. געארבייט האבען זיי פון שטיק. אין מאסקווער גובערניע האבען די וועבער אנשטאט 2 שטיק אויסגעארבייט 4 שטיק און פלעגען פערדיענען 3־4 רובל די וואך, דאן האבען די פאבריקאנטען אנגעהויבען צו צאהלען מיט 30 קאפ. איפץ שטיק וועניגער און די ארעמע פויערים פלעגען איצט פאר זייער אונמענשליכע ארבייט בעקומען ניט 3־4 רובל א וואך, נאר מעהר ניט ווי 2 ר. 10 קאפ ביז 2 ר. 80 קאפ.

וואס פאר מיטלען די בעלי־בתים ווענדען אן, אום די שטיק־ארבייטער זאלען ניט פערדיענען מעהר, וויפיעל עס פאדערט זיך צום דורכשניטליכען לעבען, ווייזען אונז איך איינינע פאקטען פון מאסקווער גובערניע. ווי מיר האבען שוין פריהער דערצעהלט, זענען דארטען פאראנען א סך ארבייטער, וואס ארבייטען מעהר ניט ווי ווינטער, און זומער בעשעפטיגען זיי זיך מיט ערד־ארבייט, דעריבער העכערען זיך זומער די שכירות. אין די סארטען ארבייט, וואו מען ארבייט פון שטיק, דארפען דאך זומער די ארבייטער א סך פערדיענען, וואס אבער טהוען די בעלי־בתים? זיי גיבען זיי זומער וועניג ארבייט. אין דער צייט, וואס ווינטער ארבייט מען דארטען 16 שעה אין טאג, ארבייט מען דארטען זומער 13 שעה,

ארבעטער אנשטאט 14 שעה מעהר ניט ווי 12 שעה. (אזוי איז אין די פאבריקען, וואו מען מאכט סאמאווארען און אנדערע מעשענע געשיר). נאך אלעם דעם, וואס מיר האבען דא געבראכט, איז שוין דאכט זיך קיין ספק ניט, אז דאס, וואס די ארבייטער זאגען, אז זיי איז בעסער צו ארבייטען פון שטיק, איז ניט ריכטיג; עס איז גאר קיין ספק ניט, אז צוליעב די שטיק־ארבייט פערלירט דער ארבייטער מעהרער קרעפטען און פערדיענען פערדיענט ער דאס זעלבע; אז די שטיק־ארבייט איז מעהר נישט א לייכטער מיטעל פאר די בעלי־בתים ארויסצוזייגען פון ארבייטער דעם לעצטע ביסען פון מויל. און איב אזוי האט שוין עפים א זינען די פראַזע, וועגען וועלכער דער שטיק־ארבייטער רעדט? דער שטיק־ארבייטער איז אויך אזוי צוגעבונדען צו דער ארבייט, ווי דער וואך־ארבייטער. דער אונטערשייד פון זיי ביידען איז נאר דער, וואס דעם וואך־ארבייטער שמידט צו דער בעל־הבית, און דעם שטיק־ארבייטער—דער הונגער, די נויטה.

ב. דער ארבייטער נעהמט א חלק פון בעל־הבית׳ס איינקינפטען.

ביי אונז אין רוסלאנד טרעפט דאס זעלטען*), אבער אין אויסלאנד טרעפט דאס עפטער, אז די ארבייטער, אויסער זייערע שכירות, נעהמען נאך א חלק פון דעם בעל־הבית׳ס פערדינסטען, דהיינו, אז דער בעל־הבית פערדיענט 1 רובל, האבען אלע ארבייטער דערפון, למשל, 1 קאפ. עס איז לייכט צו ערקלערען, אז די בעלי־בתים מיינען דא זייער אייגענע טובה און ניט דעם ארבייטערס. די מעשה איז דערפון אזוי: אז ארבייטער דערהערען, דאס אין א געוויסער פאבריק וועלען זיי אויסער זייערע געוועהנליכע שכירות נאך בעקומען א פראצענט פון בעלי־הבית פערדיענסטען, לויפען זיי אהין חאפען דעם גליק. די בעלי־בתים וועלען אבער געוויס יעדערען איינרעכענען די פראצענטען „אין נדן" און וועלען געבען וועניגער שכירות ווי אומעטום. אלזא וועט דאס אויסקומען, דאס די ארבייטער וועלען בעקומען צוזאמען מיט די פראצענטען אין בעסטען פאל אזוי פיעל שכירות, ווי אומעטום.

*) די פריקאשטשיקעס נעהמען כמעט אומעטום א געוויסען פראצענט פון די פחודות, וועלכע זיי פערקויפען.

נור אויב אזוי, פרעגט זיך, צו וואס דארפען אין גאנצען די בעלי־בתים די קונצען? אט צו וואס זיי דארפען דאס. די ארבייטער, וואס ווייסען גאר ניט פון בעלי־הבית׳ס קונצען, סטארעווען זיך מיט אלע קרעפטען וואס מעהר איינצושטהאן, כדי די בעלי־בתים זאלען מעהר פערדינען און כדי זיי זאלען דערוויל האבען מעהר פראצענטען. די בעלי־בתים לוינט אזא מסחר, ווארום וואס מעהר סחורה די ארבייטער וועלען איינשטהאן, דאס מעהר וועלען די בעלי בתים פערדינען, און זיי איז כדאי אוועק־צוגעבען דעם ארבייטער 1 קאפ. פון יעדעם רובל, כדי זיי זאל בלייבען 99 קאפ. וואס וועט אבער דערפון ארויסקומען? אויב אזעלכע מיני שכירות וועלען זיך פערשפרייטען אין פאבריקען, וועלען די ארבייטער אנהייבען איינצוארבייטען מעהר פראדוקטען, די נאכפראגע אויף ארבייטער וועט זיך דעריבער פערקלענערן און די שכירות וועט פאלען צוליעב דעם. נור אויב אזא מין שכירות וועט עקזיסטירען מעהר ניט ווי אין איינינע פאבריקען, רעכענען מיר פון דעסטוועגען אויך, דאס אין די פאבריקען, וואו מען גיט די פראצענטען, וועלען די ארבייטער בעקומען ווייניגער שכירות (שוין מיט די פראצענטען צוזאמען), ווי אין אנדערע פאבריקען. אזוי ווי די ארבייטער וועלען גערן אנקומען אויף די פאבריקען, וואו מען גיט א פראצענט, וועט אין דיזע פאבריקען דער אנבאט פון די ארבייטער זיין גרעסער, ווי אין אנדערע און די בעלי־בתים וועלען דעריבער האבען א מעגליכקייט פערקלענערן די שכירות. די אונטערסטע שורה פון אזא סארט שכירות איז דאס, וואס די פאבריקאנטען פרעסען ארויס פון ארבייטער מעהר הארעוואניע און גיבען ווייניגער שכירות ווי אמעטום. פיעל ארבייטער ווייסען שוין דיזע אלע קונצען און זיי ענטזאגען זיך פון אזא מין ארבייטס־לוין דארטען, וואו ער איז געווען איינגעפיהרט. אין ענגלאנד איז פון 159 געשעפטען, וואו עס איז געווען איינגעפיהרט, אז די ארבייטער זאלען נעהמען אויסער די געוועהנליכע שכירות א פראצענט פון בעל־הבית׳ס פערדינסטען, געבליבען, נור 98.

ג. די ארבייטער ארבייטען אויסער די געוועהנליכע צייט נאך איבעריגע. (איבערשטונדען).

אין פילע ווערקשטאטען און פאבריקען, וואו מען ארבייט פין שטיק אדער פון וואך, איז פאראנען א בעשטימטע צייט, ווען מען ענדיגט די ארבייט. נור אין סעזאן־צייט, איבערהויפט פאר יום־טוב, אדער אז מען קריגט א גרויסע בעשטעלונג צו א בעשטימטע צייט, זיצט מען ביי דער ארבייט אויסער די געוועהנליכע צייט נאך עטליכע שעה, אדער אמאל טאקע די גאנצע נאכט. דער וואך־ארבייטער מוז ארבייטען, ווייל אויב ער וועט ניט ארבייטען וועט איהם דער בעל־הבית ענטזאגען. מערקווירדיג איז אבער דאס, אז אנדערע זענען דום און האבען אזוי קיין בעגריף ניט ועגען זייערע אינטערעסען, אז ביי אזעלכע אומשטענדען ווילט זיך זיי גאר ניט אוועקגעהן צו דער צייט און זיי קוקען גאר קרום אויף א ארבייטער, וואס געהט אוועק אדער וואס וויל אוועקגעהן צו דער צייט: „ווי האט מען ראס אזא הארץ זייגער 10 אוועקציגעהן פון דער ארבייט, אז דער בעל־הבית איז פערווארפען מיט ארבייט" — אזעלכע ווערטער וועט איהר אפט הערען פון זיי. דער שטיק־ארבייטער מיינט, אז אין די עטליכע איבעריגע שעה וועט ער ארייננכאפען דעם גליק. מיר וועלען דא ניט רעדען וועגען דעם, ווי שלעכט דיזע איבעריגע ארבייט ווירקט אויף דעם ארבייטערס געזונד, מיר וועלען נור אויפווייזען ווי דאס ווירקט אויף דעם ארבייטס־לוין. ערשטענס צוליעב דעם, וואס מען ארבייט איבעריגע צייט, מאכען די ארבייטער איבעריגע ארבייט און רעדוצער פערקלענערט זיך די נאכפראגע אויף זיי; צוליעב דעם קענען די ארבייטער ניט נעהמען אין דער צייט קיין הויכען פרייז, ווי זיי וואלטען געדארפט נעהמען. צווייטענס צוליעב די איבעריגע ארבייט ענדיגט זיך גיך די ארבייט און נאך דעם סעזאן ווערט וויטער שטיל און עס איז דאן אדער גאר ניטא קיין ארבייט, אדער אויב עס איז יע דא, נעהמט מען פאר איהר קלענערע שכירות ווי אין די געוועהנליכע צייט.

צווישען אונזערע אידישע ארבייטער טרעפט זעלטען, דאס אנ'ארבייטער זאל ארבייטען שבת אדער יום־טוב. אין קיין רעליגיאן איז ניטא אזוי פיל דינים וועגען שבת און קיין נאציאן האלט דיס

טאג ניט אזוי הייליג ווי אידען. קריסטליכע ארבייטער ארבייטען אויף די גרעסטע טהייל פון צוקער פאבריקען, גאז־זאוואדען, ביער־ברויערייען אין פוילען טאי זונטאג טאי יום טוב. נור דארטען, וואו מען ארבייט געוועהנליך אפילו ניט זונטאג, אויב עס טרעפט זיך אנ'עקסטרע ארבייט מוז מען ארבייטען זונטאג אויך. איינינע ארבייטער בעקומען פאר די יום־טוב'דיגע ארבייט טייערער, ווי פאר די וואכענדיגע; און אנדערע, איבערהויפט די, מיט וועמען מען האט זיך פון אנהייב בעדונגען צו ארבייטען זונטאג אויך, אז מען וועט דארפען, בעקומען פאר די יום־טוב'דיגע ארבייט דעם זעלבען פרייז, ווי פאר די וואכענדיגע; איינינע פון צווייטען סארט ארבייטער בעקומען פאר די יום־טוב'דיגע ארבייט ניט מעהר, ווי אויף א טרונק בראנפען. עס פערשטעהט זיך, אז אויב די יום־טוב'דיגע ארבייט געהט אריין אין א געוואהנהייט, ברייננט דאס צו דער זעלבער זאך, ווי דאס ארבייטען אויסער די געוועהנליכע צייט נאך איבריגע: עס פערקלענערט זיך די נאכפראגע אויף ארבייטער און מיט דעם פערקלענערט זיך דעם ארבייטערס שכירות.

נור דאס קומט דאך אלץ פאר ביי קריסטען. ביי אונזערע אידען מיט א יאהר 30 צוריק, ווען די רעליגיע איז נאך געווען פעסט איינגעווארצעלט ווי ביי די מייסטער'ס אזוי אויך ביי די ארבייטער, איז געווען אונמעגליך, דאס אנ'ארבייטער זאל ארבייטען שבת. איצט אבער, אז די רעליגיע פאלט ביסלעכווייז ביי אידען, זענען מיר ניט זיכער, דאס די אידישע ארבייטער זאלען ניט אנהייבען צו ארבייטען שבת אויך. עס זענען שוין איצט דא אזעלכע פאקטען. כאטש דאס זענען נאך איינציגע פאקטען, נור ביי דעם איצטיגען שטאנד פון רעליגיע און ביי דער איצטיגער נאך ניט קלענער אונוויסענהייט ביי אידישע ארבייטער וועגען זייערע אינטערעסען קענען זיך אזעלכע פאקטען פערמעהרען, און דאס קען זיין פאר זיי א גרויסער אונגליק. נאך ניט גענוג וואס מען ארבייט א גאנצע וואך ביז שפעט אין דער נאכט, ווילען נאך די בעלי־בתים צונעהמען ביי די אידישע ארבייטער זייער שבת און יום־טוב, די איינציגע טעג, ווען זיי קאנען זיך אביסעל אויסרוהען, אביסעל פאנאנדערציהען זייערע פערמאטערטע, אויסגעדארטע ביינער, די איינציגע טעג, ווען די ארבייטער קענען נעהמען א ביכעל אין האנד, וועלכעס קען זיי ערקלערען, וואו זיי האלטען;

אין דער וועלט און וואס זיי האבען צו טהאן,—די איינציגע טעג, ווען דער ארבייטער קאן עפעס געניסען פון לעבען,—די טעג ווען ער קאן זיך זעהען מיט ברידער—ארבייטער. מיר מוזען אוועקשטעלען די וויסענשאפט אויף דעם פלאץ, וואו די רעליגיע איז געפאלען. אויב די ווערטער: „ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך ויום השביעי שבת לד׳ אלהיך; לא תעשה כל מלאכה" (זעקס טעג זאלסט דו ארבייטען, אין דעם זיעבעטען טאג זאלסט דו רוהען) א. ז. וו.—אויב די ווערטער האבען אין אונזערע אויגען פערלארען זייער הייליגקייט; אויב זיי קאנען שוין אויף אונז קיין התחיבות נישט ארויפלייגען, זאלען מיר דאך וויסען, דאס די וויסענשאפט זאגט, אז אויב דער ארבייטער ארבייט אפילו מעהר נישט ווי 8 שעה אין טאג, איז פאר איהם אויך נייטיג איין מאל אין דער וואך צו רוהען 42 שעה נאכאנאנד, כדי ער זאל קאנען בלייבען ביי זיין געזונד. היינט ווי באלד אז אונזערע אידישע ארבייטער ארבייטען 12-14 שעה א טאג, טארען זיי דען ארבייטען אלע 7 טעג נאכאנאנד? מיר דארפען זעהען פערשפרייטען דעם געדאנק צווישען די ארבייטער און אויף אזא אופן זיך פעסט צו האלטען אן מנהג נישט צו ארבייטען איין טאג אין וואך. ביז יעצט האט דאס די רעליגיע אונטערגעהאלטען, יעצט דארף דאס אונטערהאלטען אונזער פערשטאנד, אונזער בעוואוסטזיין וועגען אונזערע אינטערעסען.

ווי עס קומט פרייטאג נאך האלבען טאג זאל יעדער אידישער ארבייטער אוועקווארפען זיינע געצייג און געהן אהיים; קיינער זאל זיך נישט ערלויבען צו ארבייטען פרייטאג ביי נאכט, וואס פאר א גרויסע שכירות דער בעל-הבית זאל איהם נישט צוזאגען פאר די ארבייט, ווייל איינער ווייזט א וועג די אנדערע און ביסלעכווייז נעהמט דאס אריין אין די מאדע. און וואס די ארבייטער פערלירען פון אזא מאדע, איז גאנץ לייכט צו פערשטעהען: זיי פערלירען די לעצטע ביסעל קרעפטען, וואס זיי בלייבט נאך א גאנץ וואך ארבייט און פערקלענערן די שכירות, וועלכע קלעקען שוין אהן דעם אויך קוים אויף חיונה.

ד. פרויען און קינדער־ארבייט.

כמעט אין אלע מינים ארבייט זעהען מיר, אז וואס ווייטער ווערט די ארבייט צוטהיילט אלץ מעהר און מעהר. דהיינו נאך גאר ניט לאנג, מיט 20־30 יאהר צוריק, פלעגען דאמסקע שניידער נייען ליפען, קליידער, מאנטלען, יעדער שניידער האט געמוזט קאנען דיזע אלע סארטען ארבייט. אזוי ווי נייען מאנטלען איז א שווערע ארבייט, לכל הפחות צו שווער פאר א פרוי, דעריבער פלעגען פאר פרויענצימער נייען בגדים דורכאויס מאנסליים. מיט דער צייט איז אבער אויף ליפען און קליידער געווארען באזונדערע שניידער און אויף מאנטלען ווידער באזונדערע. נייען ליפען און קליידער פאדערט ניט קיין גרויסע אנשטרענגונג פון ארבייטער, דעריבער האבען די דאמסקע שניידער אנגעהויבען צוצונעהמען מיידלעך צו דער ארבייט. נאר אזוי ווי מיט דיזער ארבייט האבען זיך פריהער פערנומען נור מאנסלייט און איצט פערנעהמען זיך מיידלעך אויך, דעריבער איז די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער געווארען גרעסער און די שבירות זענען געפאלען. די מיידלעך האבען זיך ביסלעכווייז אויסגעלערנט די ארבייט, האבען אליין געעפענט ווערקשטאטען און האבען אנגעהויבען נעהמען צו דער ארבייט שוין נור מיידלעך, ווייל מיידלעך ווערען מרוצה אויף קלענערע שבירות ווי מאנסלייט. מאנסלייט האבען זיך ביסלעכווייז אויפגעהערט צו לערנען די ארבייט, ווייל די שבירות זענען געווארען אזוי קליין, אז עס האט ניט געקלעקט אויף חיונה, און דעריבער געפינט זיך יעצט די ארבייט כמעט דורכאויס אין די הענד פון פר.יען. די ארבייטער וואס האבען גענייט דאמסקע מאנטלען פלעגען פון אנפאנג נעהמען צו דער ארבייט נור מאנסלייט, דערנאך אבער, אז די ארבייט האט זיך דארטען גופא צוטהיילט, עס זענען געווארען באזונדערע צושניידער, פרעסער און אזעלכע ארבייטער, וואס האבען נאר געטהון ביי דער האנד, העלפענדיג די פארמייסטערס און אזוי ווי טהון ביי דער האנד איז א גרינגע ארבייט, דעריבער האבען די מאנטעל־שניידער, כדי צו האבען וואלוועלערע ארבייטער, אנגעהויבען צו בענוטצען צו דער האנד פרויענצימער. איצט בעשעפטיגען זיך מיט דער ארבייט דורכאויס פרויענצימער. מענסקע קליידער נייען נאך ביי אונז דורכאויס מאנסלייט, ווייל דא איז נאך די ארבייט ווענינ צוטהיילט. אין אויסלאנד אבער, וואו

די ארבייט איז מעהר צוטהיילט, בעשעפטיגען זיך שוין מיט דער
ארבייט זעהר פיעל פרויען. די ארבייט ווערט צוטהיילט, ווייל וואס
די ארבייט איז מעהר צוטהיילט, געהט די ארבייט אלץ געשווינדער
און בעסער און דעריבער קאסט דעם בעל־הבית די ארבייט אלץ
ווענינגער. אויסער דעם, ווי מיר היבען שוין געזעהען, גיט די
צוטהיילונג פון דער ארבייט א מעגליכקייט צו בענוטצען פרויען־
ארבייט און קינדער־ארבייט. ווי מיר האבען שוין ערקלערט אין
דריטען קאפיטעל, איז וואס ווייטער פערגרעסערען זיך אלץ מעהר
די געשעפטען, ווערט די ארבייט אלץ מעהר צוטהיילט און דערי
בער ווערט מעהר איינגעפיהרט פרויען־און קינדער־ארבייט. אין
דעם ביישפיעל, וואס מיר האבען פארגעשטעלט, האבען מיר דער־
וויזען, ווי די ארבייט ווערט צוטהיילט און ווי עס ווערט איינגע־
פיהרט פרויען־ארבייט אפילו דאן, ווען עס ענדערן זיך ניט די
ארבייטס־אינסטרומענטען. נאר נאך מעהר ווערען פערבייטען ארביי־
טער מאנסליים אויף פרויען, ווען האנד־ארבייט ווערט אומגעביטען
אויף האנד־מאשינען און דערנאך אויף דאמפף־מאשינען. די האנד־
מאשינען האבען שוין איך פערגרינגערט די ארבייט און האבען
געגעבען די מעגליכקייט אין איינינע מלאכות איינצופיהרען פרויען־
און קינדער־ארבייט. די דאמפף־מאשין, אבער, וועלכע פארערט
איבערהויפט אויפמערקזאמקייט פון ארבייטער, אבער ניט קיין
גרויסע אנשטרענגונגען פון זיינע קרעפטען, האט געגעבען די
מעגליכקייט די פאבריקאנטען מאססענווייז אריינצופיהרען פרויען־און
קינדער־אר־ ־ט.

לאמיר יעצט אונטערזוכען די אינטערסטע שורה. די אר־
בייט ווערט אימ־ר מעהר צוטהיילט; די פראסטע איינפאכע אינ־
סטרומענטען העררן פערביטען מיט מאשינען און דאס אלץ גיט
וואס ווייטער א גרעסערע מעגליכקייט די פאבריקאנטען צו נעהמען
צו דער ארבייט אנשטאט מאנסלייט און ערוואקסענע ארבייטער —
פרויען און קינדער. פאר וואס די פאבריקאנטען כאפען זיך אזוי
אן קינדער, איז לייכט צו פערשטעהן. קינדער האבען קלענערע
בעדערפניסען ווי ערוואקסענע און דעריבער קאן מען זיי געבען
קלענערע שכירות. אבער פאר וואס נעהמען די פרויען קלענערע
שכירות? דא קאן מען דאך ניט זאגען, אז די בעדערפניסען
פון די פרויען זענען קלענער, ווי די בעדערפניסען פון די מאנס־

לײט. די אורזאכע דערפון איז אזא. פרויען קאנען זיך ניט נעהמען צו אלערלײ ארבײט, װײל אײניגע זענען פאר זײ צו שװער, דעריבער איז אין די סארטען ארבײט, אין װעלכע עס עקזיסטירט פרויען ארבײט, דער אנבאט פון די ארבײטערינען זעהר א גרויסער, די קאנקורענץ צװישען זײ איז זעהר שטארק און דעריבער זענען די שכירות קלײן. אויסער דעם האבען די פרויען אנגעהויבען צו פערקויפען זײער ארבײטסקראפט א סך שפעטער װי די מאנסלײט; דער מפרנס אין הויז איז פון שטענדיג אן געװען דער מאנסביל. װען די פרויען האבען אנגעהויבען צו ארבײטען, האבען זײ געקוקט אויף די ארבײט מעהר ניט װי אויף א נעבענזאך, װי אויף א מיטעל עס זאל ניט זײן אזוי שװער זײערע עלטערן זײ אויסצוהאלטען, אבער זײ האבען ניט געקוקט אויף דעם, װי אויף דעם אײנציגען מיטעל צום לעבען. אפילו נאך איצט האבען זעהר פיעל ארבײטערינס פון זײערע עלטערן אדער מענער א דירה, ארעסען, אדער א בגד א. ד. גל. דאס זענען די אורזאכען, פאר װאס די קאנקורענץ צװישען פרויען האט אראבגעװארפען זײערע שכירות נידריגער, װי די קאסטען פון זײערע לעבענס־מיטעל, װײל א טהײל פון זײערע בעדערפניסען בעפרידיגען זײ מיט די פערדינסטען פון די מאנסלײט. און טאקי דעריבער זענען די שכירות פון פרויען אזוי קלײן; טאקי דעריבער זעהען די קאפיטאליסטען אײנצופיהרען פרויען ארבײט, װען זײ האבען נור א מעגליכקײט דערצו.

די סטאטיסטיק װײזט, אז עס איז במעט ניטא קײן פאך, װאו די מענער־ארבײט איז ניט געװארען ארויסגעשטופט דורך די פרויען ארבײט. און נאך װי ארויסגעשטופט! װאו פריער האבען געארבײט דורכאויס מענער, ארבײטען איצט 75-50 פראצענט און אפט מאל גאר אין גאנצען ארבײטערינען. אין דער זעלבער צײט איז נאטירליך דער לוין געפאלען, געפאלען אזוי, אז מען קאן ניט דורכלעבען.

אט צו װאס עס ברײנגט די קאנקורענץ צװישען װײבער און מענער, צװישען שװעסטער און ברידער, צװישען טעכטער און פאטערס... נור דאס איז נאך ניט אלץ. די מאנסלײט קאנען אויסהאלטען די קאנקורענץ פון די פרויענצימער מעהר ניט װי ביז א בעשטימטען גרענעץ; װי נור די שכירות פאלט אראב אזוי

נידריג, אז עס סטאיעט ניט אפילו אויף א געמאטערטען לעבען, ווארפען די מאנסלייט אוועק די פראפעסיאן און געהען אהינצו, וואו עס טהוען נאר לויט מאנסלייט. נור אזוי ווי דער אנבאט אויף ארבייטער ווערט אין דער מלאכה זעהר גרויס, ווערט דעריבער דא אויך גרויס די קאנקורענץ און די שכירות פערקלענערט זיך.

אלעס וואס מיר האבען גערעדט וועגען פרויען־ארבייט איז שייך אויך צו קינדער ארבייט.

עס קאן זיך אויסדוכטען, אז די קאנקורענץ צווישען קינדער און גרויסע ארבייטער עקזיסטירט מעהר ניט ווי אין די פאבריקען, וואו עס פאדערט זיך ניט קיין ספעציאליטעט פון ארבייטער; אין האנד־ארבייט אבער, וואו מען דארף זיך א צייט לערנען, קאן אזא קאנקורענץ ניט עקזיסטירען, — אזוי קאן מען מיינען. אבער דאס איז ניט ריכטיג. די מייסטערס קליגען זיך אין זייערע געשעפטען, און דורך די קאנטראקטען, וואס זיי מאכען מיט די לערן־אינגלעך, בעקומען זיי כמעט אומזיסטע ארבייטער, וועלכע קאנקורירען מיט די ערוואקסענע ארבייטער. דהיינו, אויב וואס עס זיין פאר אנ'ארבייט קאן מען זיך אויסלערנען אין א יאהר, מאכען די בעלי־בתים מיט די לערן־אינגלעך א קאנטראקט אויף 5 יאהר, דערפאר גיט דער מייסטער איהם עסען די גאנצע צייט און סוף משך גיט ער איהם נאך 50 רובל. דער לערן־אינגעל ברייננט א נוטץ דעם בעל־הבית כמעט פון ערשטען טאג אן, ווי ער הויבט זיך אן צו לערנען. און אויב ער פערדינט נאך ניט דעם ערשטען יאהר זיין עסען, איז אין א האלב יאהר ארום לערנט ער זיך אויס די ארבייט און בעצאהלט דעם מייסטער פאר די גאנצע צייט, וואס ער האט נאך ניט פערדינט דעם עסען, און עס קומט אויס, אז דריי מיט א האלב יאהר ארבייט ער גאר אומזיסט, ד. ה. נור פאר'ן עסען. עס פערשטעהט זיך אז יעדער מייסטער זעהט דעריבער אנצונעהמען וואס מעהר אינגלעך. די נאכפראגע אויף ערוואקסענע ארבייטער פערקלענערט זיך און זייערע שכירות פאלען. דעריבער דארפען זיך סטארעווען די ארבייטער, דאס מען זאל מיט די לערן־אינגלעך ניט מאכען קיין קאנטראקטען אויף א לאנגע צייט, נור אז ווי דער לערן־אינגעל וועט קאנען די ארבייט, זאל ער גלייך אנהייבען צו נעהמען גאנצע שכירות.

מיר האבען פריהער געזעהן, פאר וואס די ארבייטער איז נייטיג פיהרען א שטענדיגען שטרייט פאר העכערע שכירות. אזוי ווי פרויען און קינדער פערקלענערען די שכירות, צו איז אפט ניט א פלאן גאר אין גאנצען ניט צו דערלאזען קיין פרויען צו דער ארבייט און קינדער דערלאזען זעהר און זעהר א קליינעם צאהל? דאן וועלען די דערוואקסענע ארבייטער פערלירען זייערע געפעהר־ליכסטע קאנקורענטען און די שכירות וועלען זיך העכערען.

אזוי מיינען מאנכע ביסעלע אונפערשטענדיגע ארבייטער.

עס טרעפט אפט אז מען שטעלט אוועק פרויען אין א פאבריק אדער האנדוועדקעריי צו א א ארבייט, וועלכע עס טהוען דארט מאנסלייט: דאן הייבען אן די ארבייטער צו שטרייטען געגען די פרויען און מיט שטרייקען אדער סטראשונקעס זעהן זיי ניט צו דערלאזען די פרויען צו דער ארבייט.

וואס איז שייך צו קינדער, טרעפט, אז גאנצע פאבריקען בעשליסען, אז ביי זיי איז פאראן גענוג ארבייטער און אז מען זאל אויף א געוויסע צייט גאר אין גאנצען ניט דערלאזען קיין לערן־אינגלעך צו דער ארבייט, אדער מען בעשטימט, אז אויף יעדערע 5—10 גרויסע ארבייטער זאל מען דערלאזען צונעהמען 1 לערן־אינגעל.

לאמיר זעהן צו האט וואסער עס איז פאר א זינען ניט צו דערלאזען פרויען צו דער ארבייט.

די פרויען געהן צו דער ארבייט ניט פון ווילטאג, ניט ווייל זיי זוכען אנצוקלייבען עשירות ביי דער ארבייט. זיי טרייבט צו דער ארבייט דער זעלביגער דלות, וועלכער עס טרייבט די מאנסלייט: עס פעלט אויס א שוך, א קלייד, עסען און טרינקען, דעריבער געהן די פרויען צו דער ארבייט. ווען די ארבייטער וועלען ניט דערלאזען די פרויען צו דער ארבייט, וועלען די פרויען מוזען זוכען צו פערדיענען זייער שטיקעל ברויט ניט דורך ארבייט, נור אויף אנ'אנדער אופן. אבער אין דער קאפיטאליס־טישער געזעלשאפט קען מען האבען חיונה אדער דורך ארבייט, אדער דורך קאפיטאל. די פרוי, וועלכע געהט זוכען ארבייט האט משמעות קיינע קאפיטאלען ניט, פון וועלכע זי זאל קענען ציהען חיונה, אויב מען דערלאזט זיהר צו דער ארבייט אויך ניט,

בלייבט איהר אפטמאל איין מיטעל: ארויסגעהן אויפ'ן גאס און פערקויפען איהר קערפער...

די ארבייטערינען אין דער גאנצער וועלט און אונזערע אידישע ארבייטערינען אין דעם כלל, האבען דערוויזען, אז זיי שטעהן אין קיין פאל ניט אב פון זייערע חברים־ארבייטער אין זייער קאמפף אום צו פערבעסערען דעם ארבייטערס לעבען אין דער איצטיגער קאפיטאליסטישער וועלט און אום סוף כל סוף גאר אין גאנצען בטל צו מאכען דעם קאפיטאליזם און איינצופיהרען די סאציאליסטישע ארדנונג. אין די ארבייטערינען האט דער ארבייטער קלאס בעקומען א נייע מחנה קעמפפער פאר א פרייהערען און בעסערען לעבען.

ניט אוועקטרייבען די ארבייטערינען פון דער ארבייט, נור זעהן זיך דערשלאגען, אז פרויען זאלען נעהמען די זעלביגע שכירות ווי די מאנסלייט פאר די זעלביגע ארבייט.

ניט אוועקטרייבען די פרויען פון דער ארבייט נור ארגאניזירען זיך מיט זיי צוזאמען צו דעם אלגעמיינעם שטרייט — אזעלכע ציעלען דארפען זיך שטעלען די ארבייטער בנוגע צו די פרויען־ארבייט.

ווען די ארבייטער זעהן ניט צו דערלאזען קינדער צו דער ארבייט, שטעלען זיי זיך קיין מאל ניט אוועק די קשיה, וואס וועט זיין מיט די קינדער, אז מען וועט זיי צו קיינע ארבייט ניט דערלאזען.

עס איז לייכט צו פערשטעהן, אז אויב זיי וועלען זיך פון קינדרווייז אן ניט אויסלערנען קיין ארבייט, וועלען זיי אויסוואקסען פוסטיאן־פאסניקעס, מעקלערס, פאקטיירים, שפיאנען בעטלער, פערברעכער א. ד. ג. ד. ה. קאפיטא־ליסטישע טעלער־לעקער, מענשען, וועלכע לעבען אויף דעם רעכענונג פון די קאפיטאליסטען, צו וועלכע זיי זענען פערקויפט מיט'ן גוף און נשמה, מענשען וועלכע זענען דס שונאים דעם ארבייטער־קלאס און אלע זיינע פרייהייטס־בעשטרעבונגען.

די ארבייטער פערגעסען זיך אומער דעם, אז היינט דער־לאזען זיי ניט פרעמדע קינדער צו דער ארבייט און מארגען וועט

מען זייערע אייגענע קינדער, זייערע ברידער און שוועסטער אויך ניט דערלאזען צו ארבייט.

מיר האבען שוין פריהער געזאגט, וואס די ארבייטער האבען צו טהאן בנוגע צו קינדער ארבייט. דא קענען מיר נור צוגעבען, אז רער „בונד" ווי די סאציאל־דעמאקראטיע אין כלל פאדערט, אז ביז 16 יאהר מוז זיך יעדער קינד לערנען און צו קיין ארבייט ניט צוגעלאזען ווערען. דיזע פאדערונג האט לכתחילה ניט אין זינען צו פערקלענערען די קאנקורענץ פון קינדערשע ארבייט, נור בדעבד, אויב דיזע פארערונג וועט דורכגעפיהרט ווערען דורך א געזעטץ, וועט דאס ממילא פערגרעסערען די שכירות אויך.

V.

אלערליי קונצען, וואס די קאפיטאליסטען בענוטצען, כדי ארויסצורייסען ביים ארבייטער דעם לעצטען ביסען פון מויל.

א. די פאבריק־קראמען.

די בעלי־בתים בענוגענען זיך ניט מיט דעם, וואס זיי זייגען ארויס פון ארבייטער די לעצטע ביסעל בלוט, וואס דער גאנצער ריוח פון ארבייטערס הארעוואניע בלייבט ביי זיי; זיי זעהען נאך, דאס די שכירות זאל אויך אריינקומען צו זיי אין קעשענע. כדי דאס צו ערייכען, עפענען זיי ביי זייערע פאבריקען קראמען, וואו זיי פערקויפען אלץ, וואס נור דער ארבייטער דארף האבען. דער געזעץ אין רוסלאנד פערבאט די פאבריקאנטען, זיי זאלען צאהלען מיט פראדוקטען אנשטאט געלד; דערפאר קען דער פאבריקאנט בעשטראפט ווערען פון 100 ביז 300 רובל. הײנט ווי באלד אזוי, איז דאך, דאכט זיך, פאר'ן ארבייטער א גרויסע טובה וואס ביים פאבריקאנט קאן מען קריגען אלץ, וואס מען דארף, ווארום וואס דארף ער נאך פריהער קריגען געלד און דערנאך זיי געהן אויס־געבען, אז ער קאן דא גלייך קריגען וואס ער דארף. אי, וואס? טאמער רעכענט איהם די פאבריק־קראם טייערער ווי אומעטום? וועט ער ניט קויפען דארטען, רען דער פאבריקאנט טאר איהם דאך נאכ'ן געזעץ נאך ניט נויטען, ער זאל קויפען ניט אנדערש נור ביי איהם. נור די מעשה דערפון איז אבער אזוי: דער ארבייטער בעקומט זיינע שכירות סוף וואך, אדער נאך שפעטער אויך. עסען וויל מען

דאך אבער די גאנצע וואך אויך. קיין געלד איז אבער ניטא מיט וואס צו קויפען, און אהן געלד כאפט זיך קיין קרעמער ניט געבען. טא וואס זאל דער ארבייטער טהאן? מוז ער דאך שוין נעהמען אין פאבריק־קראם, וואו מען שינדעט איהם אראב די הויט. דער געזעטץ גיט ניט דעם ארבייטער צו נעהמען ניט אנדערש ווי אין די פאבריק־קראם, פערקעהרט, דער געזעטץ בעשטראפט נאך דעם פאבריקאנט אויב ער גיט יע; איהם גיט אבער דער דלות, דער שווערסטער און שרעקליכסטער געזעטץ אין דער וועלט. נור אויב אפילו דער ארבייטער זאל האבען פאר וואס צו קויפען אנדערש וואו, וועט ער אויך קויפען דא, ווייל גאר איינפאך, ער ווייס גאנץ גוט אז אויב דער פאבריקאנט וועט זיך דערוויסען, דאס ער גיט איהם ניט צו לייזען אין קראם, וועט ער איהם פאר די מינדסטע קלייניגקייט אבזאגען. דא צווינגט שוין דעם ארבייטער צו קויפען ניט דער דלות אליין, נור די מורא פאר'ן דלות. —

ווי מיר האבען דא געזעהען, בעווארגט דער דלות פאר די פאבריק־קראמען ס'חרים. נור דער געזעטץ ווארפט דא אריין נאך א ווארט אויך, וואס פערזיכערט נאך שטארקער די פאבריקאנטען, דאס די ארבייטער וועלען קויפען לויט ביי זיי. דער געזעטץ ערלויבט די פאבריקאנטען אראבצורעכענען פון ארבייטערס־שכירות פאר די סחורה, וואס זיי האבען אנגענומען אין פאבריק־קראם; פאר דאס אבער, וואס זיי האבען אנגענומען אין פרעמדע קראמען, טאר מען פון די שכירות ניט אראבנעהמען. איהר פערשטעהט, אז דער קרעמער וועט דעם ארבייטער צוליעב אזא געזעטץ נאך וועניגער געטרויען און ער איז גענויטיגט צו נעהמען אין פאבריטשנע קראם, און ווי באלד אזוי, גיבען די פאבריקאנטען די ארבייטער שלעכטע סחורה און נעהמען ביי זיי איבער אויף יעטוועדער זאך. סחורה גיט מען אין די פאבריק־קראמען די ערגסטע, דען די פאבריקאנטען ווייסען, אז דער ארבייטער וועט אנדערש וואו ניט געהן קויפען און דעריבער האלט ער גאר פאר איבריג צו געבען גוטע סחורה. אמת, די מקחים אויף די סחורה דארף דער פאבריק־אינספעקטאר בעשטימען, אין דער ווירקליכקייט שרייבט אונטער דער אינספעקטאר דעם פרייס־קוראנט, וועלכען דער פאבריקאנט לייגט פאר. ווי איז אבער, אז די פרייזען אויף א סחורה פאלען? אין א געוועהנליכע קראם לאזט מען גלייך

וועלוועלער איבער די קאנקורענץ צווישען די קרעמער, און דא דארף דער פאבריקאנט אליין פארלייגען דעם פאבריק־אינספעקטאר נייע פרייזען, קלענערע ווי פריערדיגע, היינט צו וואס זאל ער דאס טהאן? ווען א סחורה ווערט טהייערער, וועט ער פערשטעהט זיך גלייך פארלייגען נייע גרעסערע מקחים און דער פאבריק־אינספעקטאר וועט דאס נעווים ערלויבען. סוף כל סוף קומט אויס, אז אין די פאבריק־קראמען צאהלען די ארבייטער דורכשניטליך אויף 50 פראצענט טייערער פאר פיעל ערגערע סחורה.

אפט מאל שטעלען זיך די ארבייטער אויפ'ן בעל הבית'ס עסען. צווישען אידישע ארבייטער טהוען אויף אזעלכע בעדינגונגען טערמינאווע איינגלעך ביי בעלי־מלאכות, און אפט מאל די ערשטע פאר יאהר נאכ'ן טערמין. אין רובלאנר טהוען א'יפ'ן בעלי־הבית'ס קעסט פאבריק ארבייטער, עלטערע און יונגע מאנסלייט און פרויען. פון אנהייב דוכט זיך, אז דאס איז גוט פאר ארבייטער: וואס דארף ער נאך געהן זוכען קויפען אלץ אויף בארג, אז דא האט ער פארטיגע עסען. נור די בעלי בתים אבער זענען בכלל קיינע בעלי־טובות און איבערהויפט טהוען זיי דעם ארבייטער יעדע טובה פאר גוטע געלד. דער פאבריק־אינספעקטאר דעמענטיעוו האט אויסגערעכענט, אז דאס עסען רעכענען די בעלי־בתים ארייַן די ארבייטער מיט א רובל א מאנאט מעהר, ווי דאס וואלט געקאסט דעם ארבייטער אליין: אנשטאט 5 רוב. מאנאטליך—6 רוב. צוואנציג קאפ. ד. ה. זיי צאהלען איבער זייערע בעלי־בתים פאר'ן עסען א פערטעל חלק מעהר, ווי דער ווערטה איז. דערצו איז דאס עסען, וואס זיי בעקומען ביי די פאבריקאנטען, ערגער ווי אייגענע.

ב. צאהלען די קופאנעס.

עס זענען פאראנען אזעלכע פאבריקאנטען, וואס צאהלען זייערע ארבייטער מיט אנווייזונגען, פאר וועלכע זיי קענען קריגען אין די פריוואט־קראמען אלץ, וואס זיי ווילען. די פאבריקאנטען צאהלען איין אין די קראמען איין מאל אדער א פאר מאל א יאהר און דאס איז פאר זיי א קרן; דערווייל בענוטצען זיי זיך מיט דעם ארבייטערס שכירות. די קרעמער גיבען אויף בארג די ארבייטער אויך ניט אומזיסט; זיי רייסען פון די ארבייטער,

וויפיעל זיי ווילען, און די ארבייטער קענען ענטקעגנען דעם גאר ניט טהאן: זיי קענען דאך ניט קויפען אין אנדערע קראמען, דען וואו זיי זאלען קויפען, וועט יערער פון זיי רייסען. צאהלען מיט אנווייזונגען איז ביי אונז פערווערט; עס קוממט דערפאר צאהלען שטראף פון 100 ביז 300 רובל. נאר פון דעסטוועגען געברויכען פיעל פאבריקאנטען דעם מיטעל נאטירליך שטילערהייט.

ג. די אויסצאהלונג פון די שכירות ניט אין דער צייט.

פערשיעדענע ארבייטער אין פערשיעדענע קאנטען בעקוממען זייערע שכירות אין פערשיעדענע צייטען: איינע בעקוממען זייערע שכירות אלע טאג, די צווייטע אלע וואך, די דריטע אלע 2 וואכען, אלע חדש א. ז. וו. ארבייטער גיבען זיך ווענינ אב א רעכענונג, וועלכע שכירות לוינט פאר זיי בעסער, ווייל זיי פערשטעהען ניט, אויף וויפיעל דאס איז פאר זיי וויכטיג. דער בעל־הבית זעהט צו צאהלען דעם ארבייטער וואס זעלטענער, דערוויילן קירעוועט ער זיך שטענדיג מיט דעם ארבייטערס געלד און דער ארבייטער מוז זיך דערוויילן פערשולדיגען, איבערצאהלען אויף יעדער זאך, האבען נאר די קלאגען פון קרעמער. איהר פערשטעהט דאך, אז וואס זעלטענער דער בעל־הבית צאהלט דעם ארבייטער, קאן ער פאר דאס זעלביגע געלד קויפען אלץ וועניגער פראדוקטען, ווייל דער קרעמער וועט אלץ רעכענען טייערער; אויסער דעם, בארגען קען ער מעהר ניט ביי איין קרעמער און מוז שוין נעהמען, וואס מען גיט איהם, צו איז איהם געפעלען, צו ניט. די בעסטע זאך פאר'ן ארבייטער איז, אז ער בעקוממט זיינע שכירות אלע טאג, דאן קען ער אלץ קויפען אויף בארעס געלד איס יעדענפאלס ניט זעלטענער ווי אלע וואך. — נאכ'ן געזעטץ נאך מוז מען געבען די שכירות איין מאל אין מאנאט, אויב דער ארבייטער איז געדונגען אויף א לענגערע צייט, ווי א מאנאט, און איין מאל אין 2 וואכען, ווען ער איז געדונגען אויף אן אונבעשטימטע צייט. נאר אונזער רעגירונג האט פון דעסטוועגען רחמנות געהאט אויף אונזערע פאבריקאנטען: זי ווייס, אז דעם ארבייטערס א קאפיקע איז פאר'ן פאבריקאנט אנ'עולם ומלואה און דעריבער האט דער פינאנץ־מיניסטער געגעבען 20 איבעריגע טעג די פאבריקאנטען, וואס דארפען צאהלען אלץ

2 וואכען. אלזא אז דער ארבייטער טהוט אב א מאנאט, קען דער בעל-הבית איהם בעצאהלען פאר דעם מאנאט אין 20 טעג ארום נאכ'ן מאנאט אדער דער, וואס טהוט אויף א אונבע־שטימטע צייט, אז ער טהוט אב דעם ערשטען מאנאט, בעקומט ער מעהר ניט פאר די ערשטע 2 וואכען. אלזא שטייט ביי איינע פאבריקאנטען שטענדיג פאר 3 וואכען דעם ארבייטערס שכירות און ביי אנדערע 2 וואכען. אז ביים פאבריקאנט ארבייטען געליכע 100 ארבייטער, איז דאס א שיינער גראשען. אויף דאס געלד קען ער פערגרעסערן זיין געשעפט, פערמעהרען די איינקינפטע, וואס פאלען אריין צו איהם אלע וואך אין קעשענע, און דעם ארבייטער דארף ארויסקריכען די אויגען, איידער ער דערזעהט זיין פערהארעוועטען רובל. איז דען ניט קונציג אזא מין ארדנונג, אז דער ארבייטער, וואס שטארבט פון הונגער, איז דער מלוה, און דער פאבריקאנט וואס פערמעגט טויזענדער, איז דא דער לוה (בעל-חוב)?...

ד. שטראפען.

אין קיין זייט פון דער איצטיגער קאפיטאליסטישער ארדנונג טרעט אזוי בולט ניט ארויס דער ווילקיר פון דער בורזשואזיע און די אונטערטהעניגקייט פון ארבייטער־קלאס, ווי אין די שטראפען, וועלכע די פאבריקאנטען לייגען ארויף אויף די ארבייטער. אז צוויי צדדים האבען צווישען זיך א סכסוך, האט קיין מאל ניט איין צד דאס רעכט אליין ארויפלייגען שטראף אויף דעם אנדער צד. אזוי ווי יעדער צד האלט שטענדיג זיך פאר גערעכט און דעם אנדערען פאר אומגערעכט מוזען זיי זיך שטענדיג ווענדען צו א ד ר י ט ע ן, וועלכער איז ניט פאראינטערעסירט אין דעם ענין, וועגען וועל־כען עס געהט די מחלוקת, און דער בעשטימט שוין ווער איז גערעכט און ווער אומגערעכט, ווער דארף צאהלען קנס און וויפיעל. דער „דריטער" קען זיין אדער א בורר איסגעקליבען פון ביידע צדדים אדער א ריכטער געשטעלט פון דער מלוכה, אזוי פיהרט זיך אין אלע ענינים אין דער וועלט, וואו עס געהט א מחלקה צווישען צדדים.

אין די שטראפען אבער איז דער „דריטער" ניטא. דא לייגט גלייך דער קאפיטאליסט — איין צד — ארויף א שטראף אויף דעם

אַנגרעֶען צו — אויפ׳ן אַרבײַטער. דעֶר פאַבריקאַנט אַליין בעֶשטימט: צו אַרבייט איז בראַקאַווגע, צו ניט, ער אַליין בעֶשטימט, צו דער אַרבייטער האָט פערשפעֶטיגט אַדער ניט געקומעֶן צו דעֶר אַרבײַט צוליעב אַ געֶהעֶריגע סבה צו ניט, צו דער אַרבײַטער פיהרט זיך אויף אויפ׳ן פאַבריק גוט צו ניט. א. ז. וו..

עֶס פעֶרשטעֶהט זיך אַז די אַרבײַטער דאַרפעֶן שטרייטעֶן געֶגעֶן דיַ זעֶלבסטהעֶרשונג פון דעֶם קאַפיטאַליסט בײַ זיך אין פאַבריק. די פראָפעֶסיאָנעֶלע פעֶראייניגעֶן דאַרפעֶן אויסאַרבײַטעֶן געֶוויסע תקנות, וועֶלכעֶ די אַרבייטער זעֶנעֶן מחויב צו היטעֶן כדי עֶס זאָל זײַן מעגליך דיַ געֶמײַנזאַמעֶ אַרבײַט אין פאַבריק. איז ווער עס איז עובר די תקנות דאַרף שטראָפירעֶן ניט דער פאַבריקאַנט, נור אַ בית דין, וועלכער איז אויסגעֶקליבעֶן אי פון די פאַבריקאַנטעֶן אי פון די אַרבײַטער, אַדעֶר פון דעֶם ביורא פון פראָפעֶסיאָנעֶלעֶן פעֶראיין. נור אויף אַזאַ אופן וועֶט מעֶן אויסהערעֶן בײדע צרדים און זעהן ווער איז אומגערעכט: צו דעֶר אַרבײַטער צו דער פאַבריקאַנט, וועֶר דאַרף צאָהלעֶן שטראָף און וויפיעל.

ביז 1886 יאָהר האָבעֶן די פאַבריקאַנטעֶן אין רוסלאַנד געהאָט דאָס רעֶכט אַרויפצולייגעֶן אויף דיַ אַרבײַטער וויפיעל שטראָפעֶן זיַי האָבעֶן געֶוואָלט און דיַ שטראָפעֶן פלעגעֶן געֶהן צו זײַ אין קעֶשעֶנע. פון 1886 ביז דעֶם 1894 יאָהר האָט מעֶן ביסלעֶכווײַז אײַנגעֶפיהרט אין גאַנץ רוסלאַנד אַ געֶזעֶץ לויט וועלכען מעֶן קעֶן שטראָפירעֶן דעֶם אַרבײַטעֶר אויף אַ דריטחלק שכירות, וועֶלכעֶ ער בעֶקומט*) און די שטראָפעֶן געֶהן ניט צום פאַבריקאַנט אין קעֶשעֶנעֶ, נור זײַ קלײַבעֶן זיך אין גאָסודאַרסטווענעם באַנק, אַלס אַ שטראָף־קאַפיטאַל, פון וועֶלכעֶן די אַרבײַטעֶר דאַרפעֶן בעֶקומעֶן שטיצע בעת עֶס טרעֶפט זיך בײַ זײַ אַנ׳אומגליק; אַנ׳אַרבײַטעֶר ווערט קראַנק, אַדעֶר עֶר ווערט אַ נישרף, א. ד. ג.

---

*) שטראָפען קען מען אַרויפלייגען. 1) פאַר ניט קימען צו דער אַרבייט מעהר ווי אַ האַלבען טאָג. 2) פאַר שלעכטע אַרבייט. 3) פאַר שטערען די אָרדנונג אייפ׳ן פאַבריק. פאַר ניט קומען צו דער אַרבייט מעג מען אין אַ חודש אַראָבנעהמען פאַר 6 טעג פון די וואָס טהוען פון וואָך אָדער פון חודש אין פון די וואָס טהוען פון שטיק—1 רובל אַ טאָג און ניט מעהר ווי 3 רובל אַ מאָנאַט.— פאַרן שטערען די אָרדנונג - 1 רובל פאַר יעדעס מאָל. פאַר ב־אַק־אַרבייט איז קיין טאַקסע נישאַ, נור פאַר אַלע 3 מינים שטראָפען צוזאַמען מעג מען אַראָבנעהמען ווען מען בעקומט די שכירות ניט מעהרער ווי $1/8$ קאָפ פון יעדער רובל.

קינדבעטאריגס־ארבייטערינען קענען אויך בעקומען שטיצע פון דעם קאפיטאל. די שטיצע בעקומען די ארבייטער און ארבייטערינען לויט דעם הסכם פון פאבריק־אינספעקטאר.

בײַ די ביוראקראטישע ארדנונגען, וועלכע עס עקזיסטירען אין רוסלאנד איז פאר די פאבריקאנטען לייכט עובר צו זיין דעם געזעץ און נעהמען ווי גריהער די שטראף־געלד צו זיך אין קעשענע. פון דער אנדערער זייט איז דעם ארבייטער זעהר שווער ארויסצוציהען פון דעם שטראף־קאפיטאל וועלכע עס איז שטיצע, ווען ער נייטיגט זיך אין דעם. דער געזעטץ האט אויף קיין אופן ניט פערקלענערט די שטראפען, ווארום ווי די פאבריק־אינספעקטארען ווייזען אויף, זענען די שטראפען, ווי גרויס זיי זענען פאר׳ן געזעטץ ניט געווען, קיין מאל ניט דערגאנגען צו א דריטחלק פון די שכירות.

ווי גרויס זענען די שטראפען שוין נאך דעם, ווי דער געזעטץ איז איינגעפיהרט געווארען ווייזט אויף דער פאקט, אז אין וולאדימירסקע גובערניע אין א משך פון 1 יאהר—פון 1־סטען אקטאבער 1891 יאהר ביז׳ן 1־סטען אקטאבער 1892 יאהר האט מען איף די ארבייטער ארויפגעלייט שטראפען 94,055 רובל 47 קאפ. דעם 1־סטען אקטאבער איז אין שטראף קאפיטאל אין דערזעלבער גובערניע געווען קרוב א האלבער־מיליאן רובל (470,052 רובל 45 קאפ.). צו די האנדווערקערי ארבייטער האט דער געזעטץ פון 1886 יאהר קיין שייכות ניט.

VI.

די פראפעסיאנעלע פעראיינען און די שכירות.

מיר האבען באריכות אויפגעוויזען, ווי קליין זענען דעם ארבייטערס שכירות און ווי שלעכט איז צוליב דעם דעם ארבייטערס לעבען. בעטראכט נור גוט די זאך: די ארבייטער האלטען אויס מיט זייער פראצע די גאנצע וועלט מענשען, זיי בעשאפען מיט זייער שווייס און בלוט אלע רייכטהימער, אלע פראדוקטען, וועלכע די גאנצע וועלט מענשען פערברויכט, און זיי אליין — פעהלט אויס עסען, טרינקען, א בגד און א שוך; פאר די פאלאצען, וועלכע זיי בויען פאר אנדערע בעקומען זיי בײַדימלאך און קעלערס; זיי ערנעהרען די וועלט און האבען ניט מיט וואס צו ערנעהרען

זייערע אייגענע ווייב און קינדער; זיי בויען די גימנאזיעס, אוניווערזיטעטען און אקאדעמיעס, זיי דרוקען די ביכער, זיי זענען מפרנס די גאנצע געבילדעטע וועלט און אליין זענען זיי אונגעבילדעט און האבען ניט פארוואס צו געבען בילדונג זייערע קינדער.

צו דארף דאס אזוי זיין?

עס איז קלאר ווי די ליכטיגע זון, אז אזוי דארף ניט זיין, אז אזוי טאר ניט זיין: אלע רייכטהימער פון דער וועלט, ניט נור די מאטעריעלע, נור אפילו אויך די גייסטיגע רייכטהימער — די וויסענשאפט, השכלה, אלעס דארף געהערען דעם ארבייטער־קלאס. די וועלט דארף זיך אויפהערען צו טהיילען אויף זאטע און הונגעריגע, אויף געבילדעטע און אונגעבילדעטע. יעדער מענש מוז ארבייטען און יעדער מענש מוז זיין געבילדעט. פאר געזונדע מענשען, וועלכע ארבייטען ניט, דארף קיין ארט ניט זיין אין דער מענשליכער געזעלשאפט. די וועלט קאן אויף אזא אופן איינגעארדנעט ווערען נור דאן, ווען אלע ארבייטסמיטלען וועלען געהערען צו דעם ארבייטער־פאלק. איצט, אז די ארבייטס־מיטלען געהערען צו די קאפיטאליסטען און דער ארבייטער־קלאס האט נור זיין ארבייטס־קראפט, מוז ער אויסארבייטען פאר די קאפיטאליסטען אלערליי רייכטהימער און אליין בעגנוגענען זיך מיט א הונגער־לוין. וועלען אבער די ארבייטסמיטלען געהערען צו די ארבייטער גופא וועט צו איהם אויך געהערען אלעס, וואס מיט די ארבייטס־מיטלען וועט אויסגעארבייט ווערען; די ארבייטער וועלען ניט בעקומען קיינע שכירות, נור צו זיי וועט געהערען אלעס, וואס עס וועט בעשאפען ווערען מיט זייערע הענד, מיט זייער ארבייט.

אוועקנעהמען ביי די קאפיטאליסטען די ארבייטס־מיטלען און אוועקגעבען זיי דער גאנצער געזעלשאפט, בטל מאכען די פריוואט־אייגענטהום אויף די ארבייטס־מיטלען און איינפיהרען געזעלשאפטליכע אייגענטהום אויף זיי — דאס איז דער לעצטער ציעל, צו וועלכען דער גאנצער ארבייטער־קלאס דארף שטרעבען, פאר וועלכען ער דארף קעמפפען. דער ציעל קען עררייכט ווערען נור דאן, ווען די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט וועלען זיין פעראייניגט און בעוואוסטזיניג זיך אויסשטעלען

ריזען ציעל. נור דורך די מאכט פון דער אלוועלטליכער ארגאניזא־ציע וועט דער ארבייטער קלאס זיין בכח אוועקצונעהמען ביי די קאפיטאליסטען די ארבייטס־מיטלען: די פעלדער מיט די וועלדער, די פאבריקען און זאוואדען, די כח־הל־לאגערן די באהנען מיט די שיפען און ווערען אליין איבער זיי דער בעל־הבית, אליין געניסען פון די אלע רייכטהימער, וועלכע מען ארבייט מיט זיי אוים.

עס פערשטעהט זיך, אז דאס איז זעהר און זעהר א לאנגער וועג.. אבער ווי דער וועג איז ניט לאנג, דאך האבען די בעוואוסטזיניגע ארבייטער פון דער גאנצער וועלט איוף איהם ארויסגעטראטען. דאס איז דער וועג פון סאציאליזמוס, איוף וועלכען עס שליסען זיך צוזאמען וואס ווייטער אלץ גרעסערע מחנות ארבייטער פון דער גאנצער וועלט: ווי ווייט דער ציעל איז פון אונז, דאך איז דאס א ליכטיגער שטערען, וואס לייכטעט פון דער ווייטען דעם ארבייטער־קלאס איוף דעם לאנגען און שווערען וועג פון זיין בעפרייהונג..

דאס אלעס איז וויכטיג צו פערשטעהן דעם ארבייטער־קלאס אין זיין קאמפף פאר העכערע שכירות, נור דאן וועט די ארבייטער פערשטעהען, אז זייער לעצטער ציעל איז ניט העכערן די שכירות, נאר גאר איינגאנצען מבטל צו זיין דעם ריוח פון די קאפיטאליסטען, גאר אין גאנצען מבטל צו זיין דעם קאפיטאליזם, בעקומען דעם גאנצען פראדוקט פון זייער ארבייט, נור דאן קען זייער קאמפף פאר העכערע שכירות זיך פיהרען ענטשידענער און אנ'אבהאלט. וועלען זיך צוליעב די העכערע שכירות פערקלענערן די רוחים פון די בעלי־בתים, וועט דאס נור פערשטארקען די קאנקורענץ צווישען די גרעסערע און קלענערע קאפיטאליסטען, פערשטארקען די קאנצענטרירונג פון די קאפיטאלען אין ווייניגער הענד, און ערלייכטערן דעם נצחון פון ארבייטער־קלאס.

דא איז ניט דער ארט צו ערקלערען, ווי די ארבייטער דארפען שטרייטען פאר זייער לעצטען ציעל. אונזער אויפגאבע איז א קלענערע. מיר דארפען ערקלערען, וואס דארפען די ארבייטער טהאן אום אין דער איצטיגער קאפיטאליסטישער וועלט צו העכערן זיך די שכירות.

די פראגע האבען זיך שוין לאנג איוועקגעשטעלט די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט און אומעטום האבען זיי אויף איהר געגעבען דעם זעלביגען ענטפער: איינער פון די בעסטע מיטלען צו העכערען די שכירות—זענען פראפעסיאנעלע פעראיינען.

ווען דער איינציגער, ניט קיין ארגאניזירטער ארבייטער, קומט זיך פעררינגען צום בעל־הבית האבען מיר דא צוויי מענשען, וועלכע געפינען זיך גאר אין פערשיעדענע לאגעס: איינער, דער בעל־הבית, האט די ארבייטס־מיטלען: א האנדווערקעריי, א פאבריק, מאשינעס, געצייג, מאטעריאל — ער האט קאפיטאל. דער אנדערער האט נור זיינע 10 פינגער. איז מושוה דער ארבייטער איז גוט, ווען ניט האט איך דער בעל־הבית וועניג צער. עס גועט איהם חלילה ניט אויסבעהלען צוליעב דעם קיין זאך; ער וועט עסען און טרינקען און זיך נעהמען פערגניגען אויך. דעם ארבייטער אבער קומט אויס אין דיזען פאל פשוט שטארבען פאר הונגער. עס פערשטעהט זיך, אז ער זעהט וואריפען, ווי ווייט עס איז נור מעגליך דעם מקח אויף דער ארבייט, אבי נור זי צו קריגען, אבי נור איבערלעבען ווי עס איז. עס טרעפט כמעט קיינמאל ניט אז א פאבריקאנט זאל זיינע געשעפטען ניט קענען פיהרען ווייל עס פעהלט איהם ארבייטער. זענען זיי ניטא אין דער זעלבער שטאדט, שרייבט מען זיי אויס פון אנ'אנדער שטאדט, פון אנ'אנדער לאנד, פון אנ'אנדער טייל וועלט. ארבייטער אבער זענען שטענדיג פאראנען מעהר ווי מען דארף, שטענדיג זענען פאראנען אויף דער וועלט הונדערטער און טויזענדער ארבייטער, וועלכע זוכען ארבייט און געפינען ניט. יעדער ארבייטער ווייס דאס גאנץ גוט. אז ער געהט זיך פעררינגען, ווייס ער, אז אויב ער וועט ניט מושוה ווערען מיט'ן בעל־הבית, וועלען זיך געפינען אנדערע, וועלכע וועלען מושוה ווערען, די בעלי־בתים ווייסען דאס אויך גאנץ גוט און זעהען שטענדיג אראבצוקוועטשען די שכירות אויף דער קלענסטער שטופע. ווערען די צייטען ערגער, פעהלט אויס ארבייט, אזוי זעהען גלייך די קאפיטאליסטען אראבצורייסען פון דעם ארבייטס־לוין און דער איינצעלנער ניט־ארגאניזירטער ארבייטער האט קיינע מעגליכקייט ניט וואס עס איז געגען דעם צו טהאן. וויל ער ניט ארבייטען פאר א קלענערען מקח, ענטזאגט מען איהם, און אויף זיין ארט קומען זיך בעטען צעהנדליגע הונ־

נעריגע ארבייטער. ווערט די צייט בעסער, היילען זיך קיין מאל ניט די קאפיטאליסטען צו העכערען די שכירות. דער איינצעלנער ארבייטער ווייס אמה, אז די צייט איז א גוטע, אז ארבייט איז פאראן גענוג, דאך האט ער אפט מאל מורא בעטען העכערען, ווארום וואס טהוט ער, אז דער בעל־הבית ענטזאגט איהם, און אנדערע ארבייטער שטעלען זיך ארבייטען פאר דעם זעלבען מקח? דער בעל־הבית האט אויף אזא אופן אלע מעגליכקייט אראבצו־נעהמען פון די שכירות און דער ארבייטער האט כמעט קיינע מיטלען זיך ווען עס איז צו העכערען די שכירות.

די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער איז די סבה, פאר וואס זיי נעהמען אזעלכע קליינע שכירות און פאר וואס זיי איז שווער אדער גאר אונמעגליך צו העכערען די שכירות.

דאס האבען פערשטאנען די ארבייטער אין דער גאנצער וועלט און זענען געקומען צום שכל, אז דער איינציגער מיטעל א יסצובעסערען די לאגע פון ארבייטער אין כלל און העכערען די שכירות בפרט איז אבצושאפען אויף וויפיעל עס איז מעגליך די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער. אנשטאט קאנקורענץ — יד אחת, אחדות, דען נור ביי אחדות האט דער ארבייטער ניט מורא, אז דער אנדערער ארבייטער וועט לאזען ביליגער די ארבייט און וועט זיך שטעלען אויף זיין ארט. די פעראייניגונג פון די ארבייטער גיט זיי א מעגליכקייט ניט לאזען פאלען די שכירות, און ביי געוויסע אומשטענדען זיי צו העכערען.

פון אנפאנג קומען פאר נור צופעליגע פעראייניגונגען צווישען ארבייטער. די ארבייטער פון א געוויסער פאבריק און א מאל פון א גאנצען פאך שטעלען ארויס א בעשטימטע פאדערונג און האלטען אונטער איינע די אנדערע בעת מען קעמפט פאר איהר. איז די פאדערונג ערפילט, אדער זעהט מען ארויס, אז עס איז אונמעגליך צו דערשלאגען זיך צו דער פאדערונג, וועלכע מען האט ארויסגע־שטעלט, אזוי פאלט פונאנדער די פעראייניגונג. קורץ, דאס זענען פעראייניגונגען אויף א געוויסע פאדערונג און נור אויף דער צייט, ווען מען קעמפט פאר איהר. אזעלכע צופעליגע און צייטווייליגע פעראייניגונגען האבען אויך געבראכט די ארבייטער א געוויסע פעולה, נור דאך האבען די ארבייטער ארויסגעזעהן, אז אלע הנחות וועלכע מען ערקעמפפט אויף אזא אופן פון די בעלי־בתים האבען

זעהר א קורצען קיום און אין כלל איז שווער מיט א זעלכע פער־איניגונגען צו ערקעמפפען וועלכע עס איז הנחות. ערשטענס פעהלט אוים אין זיי די נייטיגע קאמפפס־דיסציפלין: פון אנהויב כאפט מען זיך אן אן די געוויסע פאָרדערונג, אבער ביי די ערשטע שוויריגקייטען פערליערען פיעל דעם מוט און מען שטעלט זיך ארבייטען ביי די אלטע בעדינגונגען. זענען די בעלי־בתים גענייטיגט נאכצוגעבען איז זיי נאך דעם גרינג ביסלעכווייז צו ענטזאגען די „בונטאווישטשיקעס"׳ פערבייטען די אלטע ארבייטער מיט נייע אויף די אלטע ארבייטס־בעדינגונגען און אויף אזא אופן אראבצונעהמען די הנחות, וועלכע מען האט געגעבען אין דער צייט פון קאמפף. פעראייניגען זיך נאך אמאל אום אונטערצוהאלטען די הנחות, וועלכע מען האט שוין איין מאל ערקעמפפט, איז ניט אלע מאל מעגליך.

די פעולה, וועלכע די ארבייטער האבען ארויסגעזעהן אין זייערע פעראייניגונג און די חסרונות, וועלכע האבען זיך ארויסגעוויזען אין די צייטווייליגע און צופעליגע פעראייניגונגען האט געבראכט דערצו, אז די ארבייטער פון יעדער פאך האבען זיך אנגעהייבען צו פעראייניגען אין שטענדיגע ארגאניזאציעס, וועלכע שטעלען זיך א וועק פאר א ציעל צו פערבעסערען די לאגע פון די ארבייטער: העכערען די שבירות, פערקירצערען דעם ארבייטס־טאג א. ז. וו. ראס זענען די פראפעסיאנעלע פעראיינען.

יעדער ארבייטער, וועלכער טרעט אריין אין פראפעסיאנעלען פעראיין, נעהמט אויף זיך די התחיבות — ניט קאנקורירען מיט די איבעריגע ארבייטער פון זיין פאך, נור שטענדיג זיי אונטערשטיצען אין זייער קאמפף פאר בעסערע ארבייטס־בעדינגונגען. דער גאנצער פעראיין נעהמט אויף זיך די זעלביגע התחיבות בנגע צו יעדער איינצעלנעם ארבייטער. עס פערשטעהט זיך, אז די פראפעסיאנעלע פעראיינען זענען נור דאן אים שטאנד צו ערפיעלען זייער אויפגאבען, ווען זיי פעראייניגען א בעדייטענדען צאהל ארבייטער פון א געוויסען פאך, ניט נור אין איין שטאדט נור אין דעם גאנצען לאנד.

די שבירות — איז דער וויכטיגסטער ענין, מיט וועלכען עס בעשעפטיגען זיך די פראפעסיאנעלע פעראיינען. כדי אבצושוואכען די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער אויף דעם בארען פון די שבירות, בעשטימט יעדער פראפעסיאנעלער פעראיין געוויסע

שכירות פאר יערער בעזונדערע ארבייט אזוי אז אלע ארבייטער פון פעראיין זאלען בעקומען די זעלבע שכירות פאר דער זעלבער ארבייט. די מיטגליעדער פון פעראיין מעגען בעקומען העכערע שכירות איידער די, וועלכע דער פעראיין בעשטימט, אבער ניט קיין נידריגערע. דעם קאפיטאליסט קומט שוין אויס דא מושה צו ווערען ניט מיט יעדער איינציגען ארבייטער, נור מיט'ן גאנצען פעראיין. וויל דער בעל־הבית אראבנעהמען פון די שכירות, האט ער ווייטער צו טהאן ניט מיט דעם איינציגען ארבייטער, נור מיט'ן פראפעסיאנעלען פעראיין, וועלכער שטיצט אין דיזעם פאל די ארבייטער, אויב זיי שטרייקען, און זעהט ניט צו דערלאזען קיין אנדערע ארבייטער אויף זייערע ערטער. פערקעהרט, געפינט דער פראפעסיאנעלער פעראיין, אז עס זענען אנגעקומען גינסטיגע בעדינגונגען אויף צו העכערען די שכירות, בעשטימט ער נייע מקחים אויף דער ארבייט און איז וועגען דעם מודיע די פאבריקאנטען; זענען זיי מסכים איז גוט, ווען ניט — בעשליסט דער פראפעסיאנעלער פעראיין צו שטרייקען.

עס פערשטעהט זיך, אז די פראפעסיאנעלע פעראיינען מאכען ניט קיינע שטרייקען אלע מאנטאג און דאנערשטאג: קינדיגען און אנפיהרען א שטרייק — דאס זענען טהאטען, פאר וועלכע דער פעראיין טראגט די גרעסטע פעראנטווארטליכקייט. דער פראפעסיאנעלער פעראיין איז מחויב צו שטיצען די שטרייקענדע ארבייטער מיט געלד. דער גאנצער קיום פון פראפעסיאנעלען פעראיין ווענדט זיך אן דעם, צו ער פיהרט אויס, צו ניט די שטרייקען, ווען א פראפעסיאנעלער פעראיין קינדיגען א פאר מאל שטרייקען און וועט זיי ניט אויספיהרען, וועט ער ביסלעכווייז אנווערען דעם צוטרוי פון דער ארבייטער מאסע און וועט גאר אין גאנצען בטל ווערען. דערום קומען פאר א שטרייק פיעלע פערזאמלונגען פון אלע מיטגליעדער פון פעראיין, פון אלע ארבייטער פון פאך; אויף די פערזאמלונגען קומען פאר הייסע וכוחים און נור דאן אז מען איז זיכער אין א זיעג קינדיגט מען א שטרייק.

די פאבריקאנטען פון זייער זייט רעכענען זיך שטארק מיט די פראפעסיאנעלע פעראיינען, זיי ווייסען די מאכט פון דעם ארבייטער — אחדות און גיבען נאך די ארבייטער אהן א שטרייק,

ווען זיי זענען זיכער, אז דער שטרייק וועט זיי פיעל קאסטען און זיי וועלען קיין זאך ניט געווינען.

ווען די ארבייטער זענען ניט פעראייניגט אין שטענדיג פראפעסיאנעלע פעראיינען, איז ווי נור זיי שליסען צוליעב א געוויסע פאדערונג א יד אחת, לייגען זיי ארויף אויף איהר זעהר גרויסע האפנונגען; זיי זענען פריהער געוואהנט צו קוקען איינע אויף די אנדערע ווי קאנקירענטען, זיי איז שווער צופרידען זיך איינע מיט די אנדערע. האבען זיי זיך נור צוזאמענגערעדט און געשלאסען אחדות, אזוי מיינען זיי אז זיי קענען זיך דערשלאגען וואס זיי ווילען; קיינע ערפאהרונג, וועלכע זאל זיי אויפווייזען מיט וואס פאר א שוויריגקייטען עס קומט אן יעדע הנהה ארויסצוקריגען פון די בעלי־בתים, איז ביי זיי ניטא. אזא מאסע האט זעהר א גרויסע נייגונג צו שטרייקען. זי שטעלט ארויס פאדערונגען, ניט אויכרעכענענדיג צו זי איז זיי בכח אויסצופיהרען, צו ניט. די בעלי־בתים פון זייער זייט קענען אין אזא צופעליגע אחדות קיין מאכט ניט איינזעהן, זיי ווייסען, אז קיין געלד פון וואס צו לעבען בעת דעם שטרייק איז ביי זיי ניטא, אז די אחדות קען אזוי גיך בטל ווערען, ווי גיך זי איז ענטשטאנען, אזא מאסע גיבען די קאפיטאליסטען גלייך קיין מאל ניט נאך, זיי האפען שטענדיג איהר איינצוהונגערען און נויטען איהר זיך אונטערצוגעבען. אין דער אונארגאניזירטען שטרייט צווישען די ארבייטער און בעלי־בתים קענען ביידע צדדים ניט אויסמעסטען זייער אייגענע קראפט און די קראפט פון געגנער, דארום ריזיקירען לייכט ביידע צדדים: עס קומען פאר זייער אפטע שטרייקען. די הנחות, וועלכע די ארבייטער דערשלאגען זיך דורך די גרויסע אפפער, וואס זיי לייגען אוועק אויף די שטרייקען, האבען אפטמאל א צייטווייליגען און א שלאפען קיום; די פראפעסיאנעלע פעראיינען רופען ארויס שטענדיגע פעראייניגונגען צווישען די בעלי־בתים.

דא שטעהען שוין איינע געגען די אנדערע צוויי ארגאניזירטע מחנות, ווייל יעדערע ווייס גוט איהר אייגענע קראפט און די קראפט פון איהר געגנער. יעדער צד קינדיגט א שטרייט נור דאן, ווען ער איז זיכער אין נצחון. עס פערשטעהט זיך, אז ווען די ארבייטער זענען ארגאניזירט אין פראפעסיאנעלע פעראיינען קומען זעלטענער

פאר שטרייקען איידער דאן, ווען אזוינע פעראיינען זענען ניטא.

די פראפעסיאנעלע פעראיינען זענען ניט אזעלכע ארגאניזאציעס, וועלכע שטרעבען דערצו, אז די ארבייטער זאלען שטעהן אין א שטענדיגען שטרייק, נײן, זיי זעהן נור, אז פון יעדער שטרייט, וועלכע די ארבייטער פיהרען געגען די בעלי־בתים, זאלען זיי ארויסגעהן מיט א נצחון, אז יעדע פערבעסערונג, צו וועלכער די ארבייטער דערשלאגען זיך, זאל זיך פערשפרייטען איפ'ן גאנצען פאך און אין דעם גאנצען לאנד און־דאס איז דער וויכטיגסטער פונקט — אז די הנחה, וועלכע די בעלי־בתים האבען שוין איין מאל געגעבען די ארבייטער, זאלען זיי שוין קיין מאל ניט קענען נעהמען צוריק. נור אזעלכע פעראיינען קאנען אויסבעסערען די מאטעריעלע לאגע פון ארבייטער־קלאס, אויף וויפיעל דאס איז מעגליך אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

כדי די פראפעסיאנעלע פעראיינען זאלען קענען ערריכען זייער ציעל איז נויטיג, דאס די ארבייטער זאלען האבען דאס פאלע רעכט זיך צו ארגאניזירען, צוזאמענקליבען, רעדען, דרוקען, שטרייקען, ד"ה אין די אויסנוצונג פון דיזע רעכטען — ביי קיינעם קיין ערלויבניס ניט דארפען פאדערען און קיינעם ניט דארפען וועגען דעם מודיע זיין; עס איז נויטיג, אז אין לאנד זאלען הערשען דעמאקראטישע פאליטישע ארדנונגען. אויף וויפיעל די ארבייטער פעהלען אויס די אלע רעכטען, אויף אזוי וויפיעל זענען די פראפעסיאנעלע פעראיינען ניט אים שטאנד צו ערריכען זייערע ציעלען.

די מאכט פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען קאן מען בעסער ווי אומעדום זעהן אין ענגלאנד, דארטען זענען זיי ענטשטאנען פריהער ווי אומעטום און פריער ווי אומעטום האבען די ענגלישע ארבייטער ערואבערט די פאליטישע רעכטען, וועלכע עס זענען נויטיג פאר דער נעהעריגער ענטוויקלונג פון די פראפעסיאנעלע פעראייגען. אם דייטליכסטען וועלען מיר זייער מאכט ארויסזעהן, ווען מיר וועלען צוגלייכען די שכירות פון די פעראייניגטע ארבייטער אין די שלעכטע און אין די גוטע צייטען. דאס, וואס די פראפעסיאנעלע פעראיינען גיט זיך איין צו האלטען די שכירות אין די גוטע צייטען איז קיין חידוש ניט, ווען אין די

גוטע צייטען גיט זיך איין אפט ארבייטער אהן א שטענדיגער ארגאניזאציע צו העכערען די שכירות. די פראפעסיאנעלע פער-איינען אין ענגלאנד ווייזען ארויס זייער מאכט דורך דעם, וואס אין די שלעכטע צייטען לאזען זיי ניט פאלען די שכירות און אפט מאל ניט זיך זיי איין אפילו דאן זיי צו העכערען. די צייט פון 1850-סטען ביז'ן 1870-סטען יאהר איז געוועזען די גלענצענדעס-טע צייט פאר די ענגלישע אינדוסטריע און מסחר. אין דעם משך צייט איז אין גאנץ אייראפא בטל געווארען די לייב אייגענשאפט און מען איז איבערגעגאנגען פון האנדארבייט צו דער גרויסער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן. ענגלאנד האט צוגעשטעלט פאר גאנץ אייראפא די ארבייטס מיטלען—מאשינען, רעלסען, לאקא-מאטיווען א. ז. וו.,—וועלכע זענען געווען נייטיג פאר דיזע עקאנאמישע איבערקעהרעניש, איהר מארק האט זיך פערגרעסערט און די געשעפטען זענען געגאנגען גלענצענד. פון 1850-סטען ביז'ן 1870-סטען האט זיך פערגרעסערט דער צאהל מענשען, וועלכע האבען פעררדינט

ווענינגער ווי	3	טויזענד רוב. א יאהר —	אויף	47%
פון	3	טויזענד ר. ביז 10 טויזענד	"	61%
מעהר ווי	10	טויזענד רוב.	"	63%

פון מיטען פון די זיבציגסטע יאהרען האבען אנגעהויבען די געשעפטען אין ענגלאנד געהן אלץ ערגער און ערגער. דער קאפיטאליזם האט זיך שוין אין גאנץ אייראפא איינגעפינדעוועט. אייראפא האט אנגעהויבען אליין אויסצוארבייטען די וועלכיגע אר-טיקלען, וועלכע זי פלעגט פריהער בעקומען פון ענגלאנד. ענגלאנד הערט אויף צו זיין דער בעל-הבית אויפ'ן אייראפעאישען מארק, די אייראפעאישע לענדער הויבען אן ביסלעכווייז ארויסצושטופען ענגלאנד פון די מערק אין חוץ-אייראפא. דער גאנצער סכום פרא-פיטען העכער ווי 1000 רובל א יאהר האט זיך פערגרעסערט אין 1867—1876 יאהרען אויף 37% און די פראפיטען העכער פון 1500 רובל א יאהר האבען זיך פערגרעסערט אין 1877—1886 יאהר אויף 11%. אין די לעצטע 9 יאהר הייסט דאס נור כמעט אויף 1% א יאהר. איצט זעהט ווי עס האבען זיך געביטען די שכירות ביי די ארבייטער, וועלכע זענען געווען פעראייניגט אין די פראפעסיאנעלע פעראיינען און די וועלכיגע צייטען. (קוק זייטע 66).

יאָר	פראפעסיאנעלער פעראיין פון ארבייטער וועלכע מאכען מאשינען: וויפיל ארבייטער זענען געווען אין פעראיין	וויפיל רובל א וואך האבען פעדינט די ארבייטער	אף וויפיל פראצ' האט זיך געהעכערט די שכירות	פראפעסיאנעלער פעראיין פון סטאליארעס און טשעסלארעס: וויפיל ארבייטער זענען געווען אין פעראיין	וויפיל רובל א וואך האבען פעדינט די ארבייטער	אף וויפיל פראצ. האט זיך געהעכערט די שכירות	פראפעסיאנעלער פעראיין פון שמירען: וויפיל רובל א וואך האבען זיי פעדינט	אף וויפיל פראצ. האט זיך געהעכערט די שכירות
1851	11829	פון 9 ביז 17 רובל		"	"		"	
1858	"	"		"	"		11 רובל 50 קאפ'	
1862	"	פון 9 ביז 17 ר' 50 ק'		"	"		"	
1864	"	"		"	פון 9 — 16 ר' 50 ק'		"	
1870	34700	פון 11 ביז 18 רובל	12	10200	9.50—18 ר' 75 ק'	10	12 רובל 50 קאפ'	9
1880	44700	פון 12 ביז 18 רובל		17800	, 10—20 ר' 75 ק'		14 רובל	
1885	51700	פון 13 — 19 .		25800	" 10—20 ר'		14 רובל	
1890	67900	פון 13 — 19 .	10	30700	" 10—21 ר' 30 ק'	10	15 רובל 75 קאפ'	26

מיר זעהען דאַ אַרויס, אַז אין די לעצטע 20 יאָהר, ווען די געשעפטען זענען געגאַנגען שלעכט האָבען פינדעסטוועגען די פּראָפּעסיאָנעלע פעראיינען זיך דערשלאָגען העכערע שכירות פאַר זייערע שכירות פאַר זייערע מיטגליעדער: מאַשינען־אַרבייטער, סטאָליאַרעס און טשעסליאַרעס אויף 10 % און שמירען אויף 26%. מיר זעהען ווייטער אַרויס, אַז אין די ערשטע 20 יאָהר, ווען די געשעפטען זענען געווען גלענצענד, האָבען אמת די אַרבייטער אויך געהעכערט די שכירות, אָבער ניט אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דאָס וואָלט געווען מעגליך אין פערגלייך מיט די לעצטע 20 יאָהר. די סבה דערפון איז געווען דאָס, וואָס דאַן זענען אין די פּראָפּעסיאָנעלע פעראיינען געווען ניט קיין סך אַרבייטער. אין די 50־טע יאָהרען איז אין גאַנץ ענגלאַנד געווען אַרום 60,000 פעראייניגטע אַרבייטער און אין 1890 יאָהר איז נור אין איין פעראיין פון די מאַשינען־אַרבייטער געווען מעהר פון דעם צאָהל. די צווייטע סבה איז געווען, וואָס די פּראָפּעסיאָנעלע פעראיינען האָבען נאָך ניט געהאַט די פולע בירגערליכע רעכטע, וועלכע עס איז פאַר זיי נויטיג.

די אַרבייטער אין רוסלאַנד האָבען זיך נאָך קיין מאָל אַזוי ניט אינטערעסירט מיט די פּראָפּעסיאָנעלע פעראיינען ווי אין די לעצטע אַנדערטהאַלבען יאָהר פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. רען קיין מאָל האָט נאָך דער עקאָנאָמישער קאַמפף ניט אַרומגעכאַפּט אַזוי פיעל אַרבייטער, קיין מאָל האָט ער זיך אַזוי ענערגיש ניט געפיהרט, ווי אין דעם יאָהר פון דער רוסישער רעוואָלוציע. עס איז פּשוט ניט געווען איין ווינקעל אין גאַנץ רוסלאַנד, וואו עס זענען ניט געווען קיין שטרייקען, וואו די אַרבייטער האָבען ניט געשטרעבט אום אויסצובעסערען זייערע אַרבייטס־בעדינגונגען. דער אַרבייטער קלאַס האָט אין דער זעלבער צייט געשטרעבט געגען דער אומבעשרענקטער דעספּאָטיע פון דער רעגירונג און דער אומבעשרענקטער עקספּלואַטאַציע פון קאַפּיטאַל. די אומענדליכע שטרייקען פון דעם לעצטען יאָהר זענען געווען די בעסטע שוהלע פאַר די אַרבייטער אין רוסלאַנד, אין וועלכע זיי האָבען געזעהן, ווי עס איז נויטיג פאַר זיי שטענדיגע פּראָפּעסיאָנעלע פעראיינען. דאַרום ווי נור עס האָט אַ שמעק געטהאָן מיט פּאָליטישע פרייהייט אין די אָקטאָבער טעג, אַזוי האָבען אָנגעהויבען צו וואַקסען ביי אונז די פּראָפּעסיאָנעלע

פעראיינען, ווי שוואמען נאך א רעגען. ווי די רעאקציע האט אויפגעהויבען די קאפ, אזוי האט זי געזעהן חרוב צו מאכען די פראפעסיאנעלע פעראיינען. די זעלבסטהערשענדע רעגירונג פערשטעהט גאנץ גוט דעם געפאהר, וועלכער שטעקט פאר איהר אין די פראפעסיאנעלע פעראיינען, וואס נויטיגען זיך אין פרייע פאליטישע ארדנונגען, ווי א מענש אין פרייען לופט. טויזענדער מענשען האט מען פארשפארט אין די טורמעס, אבער גאר אין גאנצען חרב צו מאכען די פראפעסיאנעלע פעראיינען האט זיך איהר ניט איינגעגעבען. איצט—(מאי, 1906 יאהר)— הייבען אן די פראפעסיאנעלע פעראיינען ווידער א יפלעבען. ווי ווייט וועט געהן די ענטוויקלונג פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען ווענדט זיך לחלוטין פון דער ווייטערדיגער פאליטישע ענטוויקלונג פון רוסלאנד: צו די באנדע גזלנים און רצחים וועלען בלייבען ווי פריהער די בעלי־בתים איבער רוסלאנד און טהאן איבער איהר וואס זיי ווילען, אדער דאס פאלק וועט ארויסרייסען די מאכט פון זייערע הענד. אבער די פראפעסיאנעלע פעראיינען זענען אזוי נויטיג פאר די ארבייטער, אז זיי גרינדען זיך אפילו דאן, בעת קיין פאליטישע פרייהייט איז ניטא, דאן, בעת מען זעטצט פאר זיי אין טורמע אדער מען שיקט ארויס פאר זיי. אזוי איז געוועזען אומעטום, אזוי איז ביי אונז אין רוסלאנד אויך. דען ווי קליין עס איז דער נוטץ, וועלכען זיי ברייננגען ביי אזוינע בעדינגונגען, דאך ברייננגען זיי פארט א נוטץ. די אידישע ארבייטער וויסען עס גאנץ גוט פון זייער אייגענער ערפאהרונג.

פראפעסיאנעלע פעראיינען עקזיסטירען שוין צווישען אידישע ארבייטער און ארבייטערינען 15—17 יאהר. זיי האבען געביטען זייערע פארמען, די נעמען (קאסעס, פאכאווע סחאדקעס, איצט— פראפעסיאנעלע פעראיינען), זייערע בעציהונגען צו דער פאליטישער ארגאניזאציע און פאליטישע טהעטיגקייט, נור זיי האבען זיך אין די לעצטע יאהרען א דאנק דער טהעטיגקייט פון „בונד" פערשפרייט אין אלע שטעדט, וואו עס ארבייטען פיעלע אידישע ארבייטער. הונדערטער אידישע ארבייטער זענען געזעסען און זיטצען נאך עד היום אין טורמע פאר זייער עקאנאמישען קאמפף אונטער די לייטונג פון פראפעסיאנעלען פעראיין, פאר זייער אנגעהעריגקייט צום פעראיין; הונדערטער האט מען דערפאר פערשיקט אין סיביר און דאך האבען די

פראפעסיאנעלע פעראיינען א ביסעל איסגעבעסערט די לאגע פון די אידישע ארבייטער: דער ארבייטס־טאג האט זיך פערקירצט — אנשטאט 16—14 שעה ארבייט מען איצט רייגע 10 — 8 שעה. די שכירות האבען זיך אויך א ביסעל געהעכערט. איצט אפילו אין דער צייט פון קריזיס און אין דער צייט ווען דער פאליציייאישער ווילקיר ווילדעוועט ווי פריהער, האט זיך איינגעגעבען די אידישע פראפעסיאנעלע פעראיינען העכערען די שכירות, ווי מיר זעהען דאס ארויס פון די בעריכטען, וועלכע דרוקען זיך אין די צייטונגען*).

---

*) מיר גיבען דא א בעריכט.

פון לאדזער פראפעסיאנעלען טעקסטיל־ארבייטער פעראיין, אונטער דער אנפיהרונג פון לאדזער קאמ. פון „בונד“, געדרוקט אין „פאלקס־צייטונג“ № 59.

(פון 10-טען דעצעמבער 1905 ביז 1-טען אפריל 1906).

צאהל מיטגליעדער: וועבער 1165; שערער 358; פרויען 513. צוזאמען 2036 מיטגליעדער.

פאך.	מענער	פרויען	ביז יעצט וועכענטליך פערדיענט.	געהעכערט וועכענטליך.	דורך אונזער ווירקונג צוריקגענומען.
וועבער	1604	—	פון 5 ביז 6 ר'	23%	90
שערער	144	—	„ 7 „ 15 „	20%	9
פרעסער	1	—	„ — „ 5 „	1 ר'	—
ברייבערינס	—	60	„ 3 „ 5_{50} „	25%	—
איבערשטעקערינס	—	56	„ 3 „ 4 „	80 ק'	—
אנדרעהערינס	—	14	„ 4 „ 10 „	20%	—
טיבער־דרייערינס	—	46	„ 4 „ 7 „	·0%	—
שניידערינס	—	12	„ 4 „ 5 „	20%	—
„ שפולערינס	—	20	„ 3 „ 4 „	50 ק'	—
שטאפערינס	—	222	„ 3 „ 6_{50} „	90 ק'	2
וואל־קלייבערינס	—	24	„ 2 „ 2_{50} „	1 ר'	1
קאנטאר־מיידלעך	—	20	„ 4 „ 6 „	1 ר'	—
פורמאן	1	—	— —	1 ר'	—
צוזאמען	1750	474			102

ווי מיר זאָלען ניט קוקען אויף די איצטיגע לאַגע אין רוסלאַנד, איינס איז זיכער, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען האָבען שוין איבערגעלעבט זייערע ערגסטע צייטען, אַז עס איז שוין ניט ווייט די צייט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד וועט זיך ערקעמפּפען די פּאָליטישע פרייהייט, וועלכע עס איז נויטיג פאַר די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען און דאַן וועלען די אַרבייטער אין רוסלאַנד זיך קענען העכערען די שכירות, אהן די אונמענשליכע אָפּפערען, וועלכע זיי קאָסט יעצט יעדער פּראָבע אַ ביסעל גרינגער זיך מאַכען דעם שווערען יאָך פון קאַפּיטאַל.

מיר האָבען פריהער אויפגעוויזען, אין וואָס בעשטעהט די טהעטיגקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען און וואָס פאַר אַ פּעולה זיי ברענגען די פעראייניגטע אַרבייטער. אָבער ווי שטאַרק די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען זאָלען ניט זיין, ווי גרויס זייערע ערפאָלגען זאָלען ניט זיין, זענען זיי ניט אים שטאַנד מבטל צו זיין די ערשיינונגען פון דער איצטיגער געזעלשאַפט, פון וועלכער דער אַרבייטער־קלאַס ליידעט אַם מעהרסטען: די אַרבייטס־לאָזיגקייט, אָרמוט. אין דער זעלביגער ענגלאַנד, וואו עס זענען פעראייניגט איצט נאָהענט 2 מיליאָן אַרבייטער איז פאַראַנען אַן אונגעהייערע גרויסע אַרבייטסלאָזע רעזערוו־אַרמעע, טויזענדער מענשען אין לאָנדאָן געהען אַרום גאַנצע נעכט איבער די גאַסען, ווייל זיי האָבען ניט וואו צו נעכטיגען. די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען קענען אויסבעסערען אַ ביסעל די לאַגע פון די אַרבייטער, אָבער דעם יסוד, אויף וועלכען עס איז געבויט די איצטיגע געזעלשאַפט, דאָס, וואָס דער אַרבייטער־קלאַס האָט קוים צום לעבען און מוז אויסהאַלטען מיט זיין פּראַצע אין לוקסוס און וואוילטאָג דעם אַנדערער קלאַס, וועלכער אַרבייט ניט - די בורזשואַזיע, — דעם יסוד, קענען די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען ניט פערניכטען. און דערום קענען זיי אויך ניט פערניכטען די אַלע ערשיינונגען, וועלכע שטאַמען פון דעם יסוד: אַרבייטס־לאָזיגקייט, אָרמוט און ז. וו. אַלזאָ די ציעלען, וועלכע די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען שטעלען זיך אַוועק, זענען ניט די איינציגע און אַפילו ניט די וויכטיגסטע ציעלען, וועלכע דער אַרבייטער־קלאַס דאַרף זיך שטעלען. דער וויכטיגסטער ציעל, איז, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, דער סאָציאַליזם, דען נור דאַן וועט בטל דער יסוד פון דער קאַפּיטאַליסטישער

וועלט, דאן ווערט בטל די עקספלואַטאַציע און אין איינעם מיט איהר די אַרבייטסלאָזיגקייט, אַרמוט, הונגער, קורץ אַלע ליידען פון דעם אַרבייטער־קלאַס. ווי מיר האָבען ש'ין פריהער געזאָגט, קען דיזער ציעל ערבייכט ווערען נור דורך די אָרגאַניזאַציע פון אַלע אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע לענדער, פון אַלע נאַציאָנען, אַלע געשלעכטער, (מאַנספּיל און פרויען) דורך די אָרגאַניזאַציע פון אַ ר ב י י ט ע ר ־ ק ל א ַ ס אין דעם ברייטעסטען זין פון וואָרט.

אַרויסגעהענדיג פון דיזען שטאַנדפּונקט, דאַרפען די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אין זייער קאַמפף אום אויסצובעסערען די מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבייטער פון אַ געוויסען פאַך, אַנווענדען נור אַזעלכע מיטלען, וועלכע ברייננען אין דער זעלבער צייט אויך אַ נוטץ דעם אַרבייטער־קלאַס אָדער לכל הפחות וועלכע שאַדען ניט דעם אַרבייטער־קלאַס. נור אַזעלכע מיטלען ערלויבט די סאָציאַליסטישע ריכטונג אין די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען

אָבער אויסער דער ס א צ י א ל י ס ט י ש ע ר ריכטונג אין די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען איז דאָרט אָפט פאַראַן נ ו ר אַ פאַרקעהרטע ריכטונג — אַ ב ו ר ז ש ו א ז ע. זי געהט אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער בורזשואזיע אָרדנונג וועט עקזיסטירען אייביג, אַז מען קען אין דער איצטיגער געזעלשאַפט אַ ביסעל אויסבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער, אָבער דעם יסוד פון דער איצטיגער געזעלשאַפט איז אונמעגליך מבטל צו זיין, און אויב אַזוי האָבען די אַרבייטער ניט וואָס צו קוקען אויפ'ן קלאַס אַרבייטער, נור יעדער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין דאַרף זעהן פערבעסערען מיט א ל ע מיטלען די עקאָנאָמישע לאַגע נאָר פון זיין פאַך און אָפט מאָל נאָר פון זיינע מיטגליעדער: וואָס עס טהוט זיך אויף יענעם זייט פון זייער פאַך אָדער זייער פעראיין איז ניט זייער דאגה. געגען אַרמקייט איז פאַראַנען צדקה, געגען פערברעכען—יוסטיץ א. ז. וו. קומען אין אַ ווידערשפּרוך די אינטערעסען פון 2 פאַכען. דאַרף מען שטרייטען איינע געגען די אַנדערע און יעדער פעראיין דאַרף זעהן צו פערטהיידיגען די אינטערעסען פון זיינע מיטגליעדער.

די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, אין וועלכע עס העררשט די בורזשואזע ריכטונג ווענדען אָן אויסער די געזעהנליכע קאַמפּפּמ־

מיטלען נעגען די בעלי־בתים פיעל מיטלען אם צו פערקלענערען אדער ניט לאזען זיך פערגרעסערען דעם צאהל ארבייטער אין פאך: ניט דערלאזען קיין לערן־יינגלעך, פרויען, ארבייטער פון אנ'אנדער שטאדט, אין אנ'אנדער לאנד, פון א'אנדער נאציאן, דען וואס וועניגער ארבייטער וועלען זיין אין פאך, וועט זיין אלץ גרינגער איינצובעסערען זייער לאגע. דאס זענען אלץ פארקאנטעס וועלכע די פראפעסיאנעלע פעראיינען בויען ארום זייערע פאכען, אום אויף יענעם זייט פארקאן ארויבערווארפען די שוואכערע טהיילען פון ארבייטער־קלאס, אום מיט דער ארגאניזירטער מאכט פון פראפעסיאנעלען פעראיין צו שטופען זיי אין אבגרונד פון בעטלעריי, פראסטיטוציע, שפיאנעריי א. ז. וו. אום זיי ארויסצוטרייבען פון דער מחנה פון קעמפפענדען פראלעטאריאט אין דער מחנה פון דער קעמפפענדער בורזשואזיע, אום אבצושוואכען דעם ארבייטער־קלאס און פערשטארקען דעם קלאס פון זיינע שונאים.

וועגען דעם ניט דערלאזען פרויען און קינדער צו דער ארבייט האבען מיר שוין גערעדט, דא ווילען מיר זיך אבשטעלען אויף די איבריגע מיטלען, דען אין זיי ליגט א גרויסער געפאהר פאר דעם אידישען פראלעטאריאט. די אידישע ארבייטער קומט אויס צו זוכען ארבייט אין די ווייטע פרעמדע לענדער: אין ענגלאנד, אמעריקא און אפילו אין אפריקא. די אידישע ארבייטער האבען וואס מורא צו האבען פאר די צאמען, וועלכע די פראפעסיאנעלע פעראיינען שטעלען אוועק פאר די ארבייטער פון פרעמדע נאציאנען.

ווי עס איז בעוואוסט הערשט אין פיעלע פראפעסיאנעלע פעראיינען אין ענגלאנד און אמעריקא די בורזשואזע ריכטונג און דאס איז א שטענדיגער געפאהר פאר דעם טהייל פון דעם אידישען פראלעטאריאט, וועלכער עמיגרירט אהין.

ווי זענען די אויסזיכטען פון דער סאציאליסטישער און בורזשואזער ריכטונג אין די פראפעסיאנעלע פעראיינען אין רוסלאנד?

עס איז נאך נישא נאך אזא לאנד אין דער גאנצער וועלט, וואו די סאציאלדעמאקראטיע האט געהאט אזא גרויסען איינפלוס אויף די ארבייטער ביי גרינדען פראפעסיאנעלע פעראיינען, ווי אין רוסלאנד. אין ענגלאנד האבען זיך געגרינדעט די פראפעסיאנעלע פעראיינען, ווען קיינע סאציאליסטען האבען זיך נאך אויף דער וועלט ניט בעוויזען.

אין אמעריקע און כמעט אין גאנץ אייראפא—ראן, ווען די סאציאַ־ליסטען האבען נאך געהאט א שוואכען איינפלוס אויף די ברייטע ארבייטער־מאסען. ביי אונז אין רוסלאנד האט די סאציאלדעמאָ־קראטיע געלייגט דעם פונדאמענט פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען און דארום האט די סאציאליסטישע ריכטונג פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען אין קיין ארט ניט געהאט א אַ פעסטען באדען, ווי אין רוסלאנד. עס איז שווער אבצושאצען די גרויסע ווירקונג, וואס דער פאקט ראָרף האבען אין דעם נצחון פון סאציאליזם אין רוסלאנד און אין דער גאנצער וועלט. איך וויל דא נור מאכען א פאר בעמערקונגען וועגען דעם, אויף וויפיעל דאס איז וויכטיג פאר דעם אידישען פראלעטאריאט און זיינע שטרעבונגען צו העכערע שכירות און צו א בעסערען לעבען אין כלל.

אויסער די אלגעמיינע אורזאכען, צוליב וועלכע די ארבייטער פערדיענען אזוי ווייניג, האבען די אידישע ארבייטער בעזונדערע, בעזונדערע אורזאכען, וועלכע עס פערקלענערען זייערע שכירות. ערשטענס—די „טשערטא אסעדלאסטי״. אידען האבען דאס רעכט צו וואהנען נור אין די שטעדט פון די 25 מערב־גובערניעס אין רוסלאנד; די איבעריגע 64 גובערניעס זענען פאר זיי פערשלאסען. די אידישע ארבייטער האבען דאס רעכט צו זוכען ארבייט אין אמעריקע, אין אפריקע, אבער זיי האבען ניט דאס רעכט צו זוכען ארבייט ביי זיך אין דערהיים—אין רוסלאנד. אמת שוין העכער ווי 40 יאהר (28־טען יוני 1865) ווי די אידישע בעל־מלאכות האבען דאס רעכט צו וואהנען אין רוסלאנד, אבער דאס איז א פאפירענעס רעכט; יעדער פריסטאוו, יעדער אקאלאראטשניער האט רעכט און מאכט יעדען אידישען ארבייטער ארויסצוטרייבען פון רוסלאנד „נא ראדינו״ (אין די היימאט) אין די שטעדט, וואו אלע אידען האבען דאס רעכט צו וואהנען. אין דער צ ט, ווען איצט פאהרען ארויס יעהרליך נאהענט 100 טויזענד אידען קיין אמעריקע, האבען זיך די גאנצע צייט פון 1865 יאהר ביז 1897 (ווער יאהר פון דער אלגעמיינער פאלקס־צעהלונג) אין די אינערע רוסישע גובערניעס אנגעקליבען 207,706 אידען ד. ה. 4 פראצענט פון דער גאנצער אידישער בעפעלקערונג.

די רעוואלוציע אין רוסלאנד ברענגט די אייזערנע ווענדט פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג. עס איז שווער צו זאגען ווי

לאנג וועט נאך געדויערען דער קאמפף צווישען דעם פאלק און דער זעלבסטהערשונג, איינס איז זיכער, אז דער קאמפף קען זיך ענדיגען נור מיט'ן נצחון פון פאלק. די גזירות געגען אידען אין כלל און די טשערטא אסיעדלאסטי בפרט וועלען בטל ווערען: דער אידישער פראלעטאריאט וועט בעקומען דאס רעכט זוכען ארבייט און ברויט אין גאנץ רוסלאנד. דעם יודישען ארבייטער וועט אויסקומען דאן צו זוכען ארבייט אין אזעלכע ערטער, וואו מען האט איהם נאך קיין מאל ניט געזעהן: אין די איננערע רוסישע גובערניעס קומט אויס 2 אידען אויף 1000 איינוואהנער. נור די סאציאליסטישע ריכטונג אין די פראפעסיאנעלע פעראיינען קענען זיין א ערבות פאר די אידישע ארבייטער, אז דאן ווען עס וועלען שוין בטל ווערען די רעכטליכע גזרות אויף אידען, וועלען זיי ניט נעפינען קיין נייע צאמען ביים זוכען ארבייט אין די ערטער, וואו זיי האבען איצט ניט דאס רעכט צו וואהנען.

פאר דעם אידישען פראלעטאריאט שטעהט פאר די אויפגאבע צו ערקעמפפען א נייעם מארק פאר זיינע הענד ניט נור אין חוץ לתחום, נור אפילו אין דער טשערטא אסיעדלאסטי גופא. דען די אידישע ארבייטער זענען דא אזוי ווי איינגעשפארט אין א ענגען פראדוקציאנס-קרייז. אין די אידישע שטעדט אפילו זענען פאראן צעהנדליגערליי ארטען ארבייט, צו וועלכע די אידישע ארבייטער האבען קיין צוטריט ניט. עס איז גענוג אנצואווייזען דא אויף דעם קליינעם פראצענט אידישע ארבייטער אין די פאבריקען. דאס פערגרעסערט דעם אנגאט פון אידישע ארבייטער אין די מלאכות, וואו זיי בעשעפטיגען זיך און דאס פערקלענערט די שכירות. שטרעבענדיג צו בעקומען העכערע שכירות, זוכט דער אידישער ארבייטער צו בעזייטיגען אלע שוועריג־קייטען, וועלכע שטעהען איהם אין וועג און דרינגט אריין אין נייע מלאכות, מיט וועלכע אידישע ארבייטער האבען זיך ביז איצט ניט פערנומען. און דא איבערצייגט ער זיך ווי וויכטיג עס איז פאר איהם די סאציאליסטישע ריכטונג פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען, דען נור ביי אזא הנאי וועלען זיך עפענען פאר'ן אידישען ארבייטער די פאבריקען, וועלכע זענען פאר איהם ביז איצט צוגעשפארט.

צווישען דער בורזשואזער און סאציאליסטישער ריכטונג אין

די פּראָפעסיאָנעלע פעראייניגען קומט פאַר אַ שטענדיגער שטרייט. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף שטעהן בראש פון דער סאָציאַ־ליסטישער ריכטונג אין די פּראָפעסיאָנעלע פעראייניגען אין גאנץ רוסלאנד, דען פון דעם ווענדט זיך ניט נור זיינע פאלע בעפרייאונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישען יאָך, נור אין אַ בעדייטענדען גראַד די מעגליכקייט פאַר איהם אויסצובעסערן זיין עקאָנאָמישע לאגע אין דער איצטיגער קאַפּי־אַליסטישער געזעלשאַפט.